


שנה ה'
פרשת ויקרא
תשפ"ה
נומער 261


# קרית ברסלב בלאט

געדאנקען:
מ'גייט טוישן פון LIPTON טיי צו "רעד-זינגער

שפיגל:
די לעמענע גולמים

מעשה פון א צדיק:
א סדר נאכט צום גערעדנקען

וועלטליכע ניעס:
אייער פרייזן ב"ה שטארק געפאלן

# החודש אשר ישועות בו מקיפות

א שבת החודש אין שטעטל צום גערעדנקען

קרית ברסלב בלעטל

261 • פרשת ויקרא תשפ"ה

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
אברהם יצחק אייזנער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ל. סאקס
ש. טראכטער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול

צו אדווערטייזן אדער ארייננשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייננצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069



אייער פרייזן געפאלן ב"ה 6



קעניג אדער קיסר? 11



א סדר נאכט צום געדענקען 14

4 שטעטל נייעס
10 מעשיות פון תפילה
20 היכל הלכה
35 קינדער בלעטל

**זמנים**
ויקרא ז' ניסן

הדלקת הנרות . 07:09
מוצאי שבת ..... 08:41

**מנחה מעריב**
**פרשת צו 8:25**











# פַארְגִין אַ גוּט וָוארְט!

## שאלה

**דִי וָואךְ בְּרֶענְגֶען מִיר אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אִיבֶּער גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵויטְן אִיד.**



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ד' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיט אֵיין גוּט וָוארְט קֶענְסְטוּ גֶעבְּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּן!

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז מֶען דַארְף גֶעבְּן אַ טִיפּ פוּן גֶעלְט וְכוּ' פַאר אַ צְוֵוייטְן יֶענֶעם אוּנְטֶער צוּ קוֹיפְן וְכוּ', אָבֶער בֶּאֱמֶת דַארְף נִישְׁט יֶענֶער דַיין גֶעלְט - עֶר דַארְף דַיין גוּט וָוארְט, אַ גוּט וָוארְט אִיז מֶער וֶוערְד וִוי דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת קיא:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, יב): **"וּלְבֶן שִׁנַּיִם מֵחָלָב" - טוֹב הַמַּלְבִּין שִׁנַּיִם לַחֲבֵרוֹ יוֹתֵר מִמַּשְׁקֵהוּ חָלָב**, אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ צְוֵוייטְן, אַ גוּט וָוארְט, אָדֶער אַ קָאמְפְּלִימֶענְט אִיז מֶער וֶוערְד פוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֶעוואוֹינְט זִיךְ אַיין מִיט דִי גוּטֶע מִידָּה צוּ טְרַאכְטְן פוּן מְחַיֶּ' זַיין אַ צְוֵוייטְן מִיט אַ גוּט וָוארְט; וואוּ עֶר גֵייט אוּן וואוּ עֶר שְׁטֵייט גֶעבְּט עֶר אַלֶעמֶען אַ גוּט וָוארְט. אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְ'ן פָּאסְט טְרֶעגֶער, מֶען גֶעבְּט אַ שְׁמֵייכְל אוּן מֶען זָאגְט: "אַ גוּט מָארְגְן", "אַ גוּטְן טָאג". אָדֶער וַוייזְט מֶען אַרוֹיס מִיטְלַייד: "אַ שָׁאד אַז דוּ שְׁלֶעפְּסְט זִיךְ אִין אַזֶעלְכֶע קֶעלְט", "אִיךְ הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר אַז דוּ אַרְבֶּעסְט אִין אַזֶעלֶעכֶע הִיצְן", מִיט אַזַא קְלֵיינֶע וָוארְט הָאסְטוּ אִים גֶעמַאכְט זַיין טָאג.

אָדֶער דֶער וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט צוּ רֵיינִיגְן וְכוּ', זָאגְסְט אִים אֵיין גוּט וָוארְט: "מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּ' אַרַיין צוּ קוּמֶען אִין אַזַא רֵיינֶע פְּלַאץ", "אַזַא גוּטֶע גֶערוּךְ שְׁפִּירְט זִיךְ דָא", "יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְ'ן מַאכְן אַזוֹי גֶעשְׁמַאק" - הָאסְטוּ אִים גֶעטוֹישְׁט זַיין גַאנְצֶע טָאג צוּם גוּטְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ גֶעבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם אַ גוּט וָוארְט, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דַיינֶע קִינְדֶער. זַיי זֵיי מְחַנֵּךְ צוּ רֶעדְן שַׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן צוּ גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם; לֶערְן אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זָאגְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר זֵייעֶר מְלַמֵּד אוּן טִיטְשֶׁער, פַאר זֵייעֶר בָּאס דְרֵייוֶוער, וואוּ זֵיי גֵייעֶן זָאלְן זֵיי זִיךְ בַּאדַאנְקֶען.

מָארְגְן נַאכְט וֶועט אִם יִרְצֶה ה' פָּארְקוּמֶען אַ פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם, זֶע אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ זֵיי צוּ זָאגְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# הערליכער שבת החודש פאריבער גאר דערהויבן

גאר א געשמאקע דערהויבענע שבת החודש איז פאריבער אין שטעטל צוזאמען מיטן ראש ישיבה. מיר וועלן פרובירן זיך מצמצם זיין צו אראפשרייבן אפאר שטריכן פון דעם הערליכן שבת, כאטש וואס עס איז נישט במציאות אפשרייבן יעדע ריר פונעם שבת, ווען א גאנצע צייט הערט מען דיבורים נפלאים, וואס מ'קען ניצן פארן לעבן זיך צו מחזק זיין און לעבן א געשמאקע לעבן מיטן אייבערשטן. איז לאמיר גיין אין א סדר.

דער ראש ישיבה איז איינגעשטאנען ביי זיין איידעם מו"ה נתנאל פארקאש שליט"א און געדאווענט אין בית המדרש אויף די ירושלים גאס.

פרייטאג צונאכטס ביי קבלת שבת האט געדאווענט פארן עמוד מו"ה יודל טירנויער הי"ו מיטן ברסלב'ן נוסח. אינדערפרי נאכן מקוה אין בית המדרש עצתו אמונה האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט איבער דעם, אז ער האט זיך דערמאנט פונעם קבלת שבת וואס ער האט איינמאל געדאווענט פארן עמוד ביי מוהרא"ש ז"ע אין בארא פארק אין חודש כסליו תש"ע, ווען מוהרא"ש האט צוגעשיקט דעם ראש ישיבה צו דאווענען קבלת שבת, מוהרא"ש האט זיך נאכדעם אויסגעדרוקט אז ער האט נאכנישט געהערט אזא שיינע דאווענען.

אויך האט מען ביי דעם שמועס ארומגערעדט פון חומרות אין פסח, פארוואס די פריערדיגע דור איז געווען אזוי שטארק מיט מאכן אלעס אליין פאר פסח, אבער היינט זעט מען דאס נישט אזוי שטארק, דאס איז ווייל זיי זענען געווען געוואוינט פונדערהיים צו אליין צושטעלן די עסן, עס איז נישט געווען קיין פארטיגע פראדוקטן אזוי ווי היינט.

דער עיקר איז אז די חומרות זאלן נישט אוועקנעמען די שמחת יום טוב. מען קען און מען זאל אנהאלטן אלע חומרות וואס מען האט געזען אינדערהיים, אבער מען דארף עס טון אן נערוועזקייט און אנגעצויגנקייט.

אזוי האט זיך פארצויגן א לענגערע שמועס וואס מען קען מען הערן אויף קול ברסלב ביי די שבתים אפטיילונג.

צו שחרית איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען און געדאווענט מיט ווארימקייט און הארץ, דערנאך האט דער ראש ישיבה געליינט די סדרה, די חזק חזק האט אפגעדינערט נאכדעם וואס אלע אינעם שול האבן זוכה געווען צו מסיים זיין ספר שמות. דערנאך האט דער ראש ישיבה געדאווענט מוסף פארן עמוד, און די קינדער מיט אלע משתתפים האבן שיין מיטגעזינגען די ניגון וואס מען זינגט ביי יוצרות.

ביי סיפורי מעשיות האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט מען זאל אלץ געדענקען פארוואס מען איז אנגעקומען אין היכל הקודש צום ערשטן מאל, אזוי ווען עס מאכט זיך עפעס אן ענין וואס מען קען ווערן אנגעווייטאגט זאל מען נישט אוועקלויפן צוליב דעם, נאר זיך דערמאנען וואס דער הייליגער רבי גיבט, און וועט ווייטער געבן. אזוי ווי רבי נתן האט געזאגט פאר דעם גביר משה חינקע'ס היתכן ער קריגט אויף אים ווען א דאנק מיר האסטו זוכה געווען צו האבן א קינד, דער ראש ישיבה האט פארציילט באריכות די גאנצע מעשה פון משה חינקע'ס.

די ווארימע ווערטער האט ברוך השם גאר שיין מיטגעשפילט, עס האט זיך געשפירט ווי אין חול המועד פסח, די קינדער האבן געשמאק פארברענגט אויף די גראז ארום דעם בית המדרש.

פאר שלש סעודות איז געווען שיין צו זען ווי אינגעלייט, בחורים און קינדער זיצן און לערנען זייערע שיעורים כסדרן.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט וואס עס שטייט אין רש"י אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה "מאך מיט די הענט ווי כאילו דו מאכסט די משכן, און איך וועל עס אויפבויען", א מענטש דארף נאר מאכן מיט די הענט און דער אייבערשטער וועט שוין טון די ארבעט פארן מענטש, מיין נישט אז דו דארפסט שווער ארבעטן צו האבן פרנסה, טו אביסל. הייב אן מאכן פסח'דיג און דער אייבערשטער וועט העלפן עס וועט פארן די ארבעט געשמאק. אזוי ביי יעדע זאך.

מוצאי שבת איז מען אריבער וואונטשן א גוטע וואך און ווער עס האט געהאט א שאלה צו פרעגן האט דעמאלט געהאט די געלעגנהייט צו פרעגן

מיט געשמאקע געפילן האט מען זיך געזעגנט פונעם שבת און מיט דעם זיך געמאכט גרייט צו אויפנעמען דעם פסח וואס קומט אט אט צו גיין.

**החודש אשר ישועות בו מקיפות!**

# היכל הקודש נייעס



## ארץ ישראל

## ארויס צום דרוק "מעשה'לעך לילדים 2 לשון הקודש"

מכון עצתו אמונה, וועלכער שטייט אונטער די פירערשאפט פון מו"ה יואל מנחם גרשון שניצלער הי"ו, איז איבערגעגעבן פארן צוועק פון צוגרייטן צום דרוק, ארויסגעבן און פארשפרייטן די ספרים פונעם ראש ישיבה שליט"א. בעיקר זעט מען זייער ארבעט ביים ארויסגעבן די טייערע ספרים "עצתו אמונה", און "איש אמונות" וואס זענען די פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א, אבער כסדר קומט ארויס דורך זיי נאך אנדערע ספרים, אריינגערעכנט "שפתי תפתח" וואס איז ליקוטי מוהר"ן מיט'ן פירוש פונעם ראש ישיבה און נאך.

אויסער די שיעורים און ספרים פאר די אינגעלייט און בחורים, לייגט דער ראש ישיבה שליט"א גרויסע כוחות אויף חינוך, זאגנדיג "אונזערע קינדער זענען די צוקונפט פון כלל ישראל". די חדר און די סקול ליגט אין שפיץ פון אלעם וואס דער ראש ישיבה טוט, און אזוי אויך שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א כמעט וועכענטליך א חינוכ'דיגע מעשה'לע פאר די קינדערלעך, וואס ברענגט אריין אין זיי יסודות פון אמונה, יראת שמים און גוטע מידות.

פון די מעשה'לעך האט דער מכון שוין ארויסגעגעבן צוויי בענדער "מעשה'לעך פאר קינדער", געדרוקט מיט שיינע גרויסע אותיות, קאלירטע בילדער און הויך-קוואליטעט גלאנציגע פאפיר - געאייגנט פאר קינדער.

אין א ווייטערער שטאפל האט דער מכון אויך ארויסגעגעבן קאלערינג ביכער, וואס גייען אינאיינעם מיט די מעשה'לעך. אזוי קענען קינדער נאך שטארקער אריינעמען די לעקציעס וואס די מעשיות געבן אריין הלכה למעשה אויף א געשמאקע אופן בשעת זייער קאפ איז פארנומען מיט פארבן די בילדער.

אויפן גרויסן פארלאנג זענען די מעשה'לעך שוין איבערגעזעצט געווארן אויף ענגליש אונטערן נאמען "Little Stories for Little Souls", און אויף לשון הקודש מיטן נאמען "מעשה'לעך לילדים". און אין גוטע נייעס פאר תושבי ארץ ישראל, האט מכון עצתו אמונה סניף אין ארץ ישראל יעצט געענדיגט איבערזעצן און צוגרייטן דעם צווייטן באנד "מעשה'לעך לילדים", וועלכע איז שוין אריין צום דרוק, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועלן די ביכלעך בקרוב זיין צו באקומען בעיקר אין ארץ ישראל.

עס קומט זיך א גרויסע דאנק פאר אלע וואס האבן געהאלפן פאר'ן מכון אנצוקומען צו די אלע זאכן בפרט מו"ה שמואל אייכענשטיין הי"ו און מו"ה משה רעכניצער הי"ו, וועלכע האבן אנגעפירט מיט די דרוק-ארבעט, ווי אויך משפחת פערל פון ירושלים עיה"ק, וואס האבן איבערגעזעצט די מעשה'לעך אויף לשון הקודש. בפרט קומט זיך א שטארקע הכרת הטוב פארן מנהל פונעם מכון מו"ה יואל מנחם גרשון שניצלער הי"ו, וועלכער פאלגט נאך די הוראות פונעם ראש ישיבה שליט"א אויף יעדן שריט, כדי צו פארזיכערן אז די ארבעט איז מיט די גרעסטע תועלת פאר די חינוך פון אונזערע טייערע קינדער.

גרשון קרעמער



# ברוך השם אייער פרייזן שטארק גאפאלן אין אמעריקע

ווער עס האט נאר אריינגעטרעטן אין א גראסערי במשך די לעצטע חדשים האט עס געמוזט באמערקן, אלע פורים וויצן זענען געגאנגען אויף די חשבון פון די אייער "קענסט מיר אפשר צוקראכן א צענער" איז געווען איינע פון די וויצן "יא, געב מיר א דאזן אייער און איך לאז עס אראפ אויף דער ערד, און האסט א צוקראכטע צענער".

אסאך האבן טאקע געמאכט געשמאקע דזשאוקס אויפן חשבון פון די הינער, אבער ביי אנדערע איז עס נישט געווען אזוי "איי איי", "וואס וועט זיין מיט פסח?" האט דער נוזשענדע פליג אונז געדזשומעט אין קאפ, "וואס וועט מען עסן פסח אויב א דאזן אייער וועט קאסטן צען דאלער?", דער ראש ישיבה שליט"א האט אבער געהאלטן אין איין דערמאנען - ווען עס איז אויסגעקומען צו רעדן פון אייער אז עס איז נישטא וואס צו זארגן, דער אייבערשטער האט געהאלפן ביז יעצט, ער וועט ווייטער העלפן, און וויאזוי עס וועט זיין וועט ער בלייבן פירן די וועלט, און דער זעלבער באשעפער וואס איז זן ומפרנס מקרני ראמים עד ביצי כינים, וועט אונז אויך שפייזן, ביז פסח, אין פסח, נאך פסח, צי פרייזן פון אייער וועט זיין איין דאלער, צען דאלער אדער סיי וועלכע אנדערע פרייז.

די אלע נבואות זאגער און נייעס ברענגער האבן פארשפרייט שמועות אז די פרייזן פון אייער וועט נאך ארויפגיין כאטש ביז פופצן דאלער א דאזן, און פאר דריי פיר חדשים וועט עס נישט פאלן, און דערפאר - איז זייער וויכטיג צו זיין באזארגט - האבן זיי אויסגעפירט מיט פאטאס. די אלע וואס זענען נעבעך פארקויפט פאר די נייעס זענען נעבעך שטארק אויסגעשפילט געווארן ווען דער אייבערשטער האט געהאלפן אז יעצט עטליכע וואכן פאר פסח האט זיך די פרייז פון אייער פלוצליג גענומען פאלן גאר גאר שטארק, אין די צייט וואס אידן קויפן איין ריזיגע טרעילארס מיט אייער, זענען די פרייזן שוין געפאלן ביז אונטער דריי דאלער א דאזן.

אבער זארגט אייך נישט - אוי, כ'מיין צו זאגן - זארגט אייך יא... - די צייטונגען האבן יעצט פרישע שווארצע נבואות'ער וואס קומט. עס איז נישט כדאי זיי אראפ צו ברענגען, ווייל דער יצר הרע פון ערווארטן ביטערע צייטן איז אזוי שטארק, אז מען קען נאך חלילה פארכאפט ווערן פון די אלע זארגערייען.

יעצט קומט דער הייליגער יום טוב פסח, דארפן מיר גדענקען אז מה-דאך אויף אייער האט דער אייבערשטער געהאלפן און עס איז געווארן אסאך ביליגער, און מען עס שוין איינקויפן פאר אסאך ביליגער, כל שכן אויף די הייליגע מצות - מיכלא דמהימנותא - א מאכל פון אמונה, דארפן מיר געדענקען אז עס איז ווערד יעדע דאלער וואס מען גיבט אויס דערויף. דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אלעמאל, אז מען זאל נישט מאכן קיין אנגעצויגנקייט אין שטוב "מצות זענען אזוי טייער! יעדע ביס קאסט א דאלער! עס נישט אזוי סאך!", נאר מען זאל לאזן די שטוב עסן פון די הייליגע מצה וואס גיבט אריין אמונה אין אונז און אין די קינדער, אזוי אויך איז עס א "מיכלא דאסוותא", א מעדיצין, א נאטורליכע וויטאמין, וואס היילט אויס. מוהרא"ש זי"ע פלעגט זאגן אז דאס וואס עס זענען דא מענטשן וואס באקלאגן זיך אויף די מאגן נאך פסח, אז די מצות זענען אזוי שווער אויפן מאגן, דאס איז א סימן אז דער מעדיצין ווירקט. ווען א מענטש גייט דורך טריעטמענטס רח"ל אויף א שווערע מחלה, קען עס האבן זייטיגע ווירקונגען.

דעם פסח וועלן מיר זיין זייער פריילך מיט די מצות, מיט די ד' כוסות, מיט די מרור, מיר וועלן זיין פריילך אז מיר האבן א ווייב, מיר האבן קינדער, און מיר דארפן זיי קויפן קליידער און עסן, און אנשטאט זינגען דעם ביטערן ניגון "יום טוב קאסט" וועלן מיר זינגען דעם פרייליכן ניגון "א מחי' יום טוב, א מחיה מצות, א מחיה קינדער, א מחיה פסח", און דאס וועט זיין די בעסטע חינוך פאר די קינדער, זיי זאלן ליב האבן דעם אייבערשטן, ליב האבן תורה ומצות, און וואקסן געזונטע קינדער ברוחניות ובגשמיות.





# שלום געשפּרעכן צווישן רוסלאנד און אוקראינע שטויסט זיך אן אין שטיינער

ווי אלע האבן מן הסתם שוין געהערט האט זיך געטון א גאנצע סומאטוכע אינעם ווייסן הויז נישט לאנג צוריק, דאן איז זעלענסקי אריבערגעקומען צו טראמפ מיט'ן ציל צו אונטערשרייבן א "מינעראלן אפמאך" מיט אמעריקע, דאס הייסט וויבאלד אוקראינע האט זייער רייכע ערד פול מיט זעלטענע מינעראלן וואס אמעריקע האט נישט, האט עס געהייסן אז אמעריקע וועט שליסן א געשעפט מיט אוקראינע אז אמעריקאנע פירמעס וועלן אריינקומען אינוועסטירן אין ארויסגראבן די פארשידענע וויכטיגע מינעראלן, פון וואס ביידע וועלן פארדינען, און בדרך אגב וועט עס אויך דינען אלץ א מיטל צו מאכן שפירן אוקראינע עטוואס רואיגער, וויבאלד רוב פון די מינעראלן געפונען זיך אין די גרעניץ געגענט מיט רוסלאנד, און וועט פארשווערן פאר רוסלאנד אריינצוקומען ווייטער קיין אוקראינע און זיך טשעפען מיט אמעריקע וואס איז דארט א שותף.

טראמפ מיט זיין וויצע האבן ווארעם אויפגענומען דעם אוקראינער פרעזידענט, און מען האט געשמועסט און זיך גע'חנפ'עט איינער צום צווייטן, ווען נאך א האלבע שעה האט זיך דער שמועס פלוצלונג געדרוקט שארף קיין דרום אן קיין פריערדיגע ווארענונג, דאס איז געקומען ווען זעלענסקי האט איבערגעהאקט ווענס און אים פרובירט צו איבערצייגן אז רוסלאנד איז א לאנד מיט וועמען מען קען נישט פארהאנדלען, און אפילו ווען יא וועלן זיי פארלעצן יעדן אפמאך, אזוי ווי זייער היסטאריע האט געוויזן. דא האט זיך אנגעהויבן א ברוגז צווישן די אלע, ווען דער פרעזידענט אינאיינעם מיט זיין וויצע האבן אנגעהויבן באשייגעצן דעם אוקראינער פרעזידענט, בשעת ער פרובירט זיך צו פארטיידיגן.

זייט דעמאלטס האבן זיך שוין די באציאונגען צווישן די צוויי עטוואס פארבעסערט, מען האט זיך אביסל איבערגעבעטן, אבער וויאזוי עס זאל נישט זיין טוט יעדער אויסטייטשן דעם אינצידענט אין ווייסן הויז לויט זיין רצון. זאך קענער זאגן אבער, אז דאס איז זיכער אז סיי רוסלאנד און סיי אוקראינע וואלטן שוין לאנג געקענט אויפהערן דעם בלוט פארגיסונג, דער הויפט שטער איז די איינדרוק וואס דאס וועט מאכן. יעדער ציטערט פאר זיין אייגענעם שאטן. רוסלאנד האט מורא זי וועט אויסזען ווי א שוואכלינג וואס קען נישט באזיגן דעם שוואכן אוקראינע, און קוקט זיך אן ווי זי "מוז" באשיצן איר נאמען אלס א "וועלטס מאכט" בשעת די וועלט לאכט אונטער איר רוקן, זעענדיג ווי זי האט זיך שוין געמוזט אראפ לאזן אזוי נידעריג צו בעטן הילף פון די מעכטיגע "נארט קארעא" און "איראן". פון די אנדערע זייט, שטייט אוקראינע און לעבט אויף "לייף סופארט", זי מוז צוקומען צו א רעספּירעיטאר יעדע מינוט צו קענען איבערלעבן, אבער שפּילט "העלד", זיי "פייטן" און "לאזן זיך נישט פון די רוסישע אגרעסיע", און וויל מיט דעם "שיקן א מעסעדזש פאר אלע דיקטאטורן" אז מען קען נישט "סתם אזוי איינעמען לענדער". בשעת מיליאנען סאלדאטן שטארבן, זייער עקאנאמיע גייט אונטער, אלע אינגע מענער אנטלויפן צו אלע רוחות אבי נישט צו דארפן דינען אלס קאנאנען פלייש, אבער זיי שפּילן ווייטער "העלד".

מיר אלע ביי אונז אינדערהיים קענען האבן אזא זיסע לעבן, אויב מיר וועלן אויך אויפהערן קוקן אויף אנדערע, וואספארא טייערע פרייז וועלן מיר דארפן באצאלן אויפצוהערן צו לעבן פאר יענעם? דארפן מיר האלטן ביי א מיליאן טויטע און נאך צוויי מיליאן פארוואונדעטע מיר זאלן זיך אויפוועקן? וואלסט שוין לאנג געקענט לעבן מיט'ן אייבערשטן אויב דו וואלסט געקוקט אויפן תכלית און אויפגעהערט קוקן צי דיין שכן האלט דערפון. וואלסט שוין לאנג געקענט טרעפן א דזשאב אויב דו האסט ווען נישט מורא צי עס פאסט. וואלסט שוין לאנג געקענט א שידוך טון מיט דיין קינד ווען דו הערסט אויף קוקן ווער דיין מחותן'ס מחותן איז.

לאמיר אנהייבן בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן קוקן נאר אויף די תורה, און פרעגן נאר צדיקים וואס איז ריכטיג צו טון און וואס איז נישט ריכטיג, וואס איז גוט און וואס איז שלעכט, און אזוי וועלן מיר לעבן א זיסע לעבן אין גן עדן נאך אויף דער וועלט

# די לעמענע גולמים

לעהמאן בראדערס (די לעהמאן ברודער), איז געווען א קליינע געשעפט וואס האט זיך געעפנט אין יאר 1844 למספרם אין מאנטגאמרי דזשארדזשיע דורך א איד, אן אימיגראנט פון דייטשלאנד מיטן לעצטן נאמען לעהמאן, אביסל שפעטער ווען זיינע ברודערס האבן נאכגעפאלגט פון אייראפע קיין אמעריקע האבן זיי גענומען דעם אפעציעלן נאמען "לעהמאן בראדערס".

זיי האבן אנגעהויבן מיט פארקויפן הויזנס און העמדער פאר די לאקאלע באפעלקערונג אין מאנטגאמרי, וואס אזוי ווי די וואס האבן געוואוינט אין יענע געגענטער זענען געווען פעלד ארבעטער - הויפטזעכליך קאטאן פארמערס, האבן זיי צוריקגעצאלט מיט קאטאן אדער אנדערע זאכן וואס זיי האבן פראדוצירט.

ווען די לעהמאן ברודערס האבן זיך דערזען מיט הויפענעס קאטאן מיט וואס זיי האבן באקומען באצאלט, זענען זיי אריין אין די קאטאן ביזנעס, זיי האבן אנגעהויבן מיטן האנדלען און פארקויפן ווייטער קאטאן. פון דארט האבן זיי אנגעהויבן האנדלען מיט נאך אנדערע קאמאדעטיס.

שפעטער האט זיך זייער דריי גודס געשעפט פארמאכט און מען איז געבליבן נאר מיט די האנדלס אפטיילונג פון שטאף, און אביסל שפעטער זענען זיי אריין אין די אינוועסטמענט וועלט. מיט עטליכע צענדליגער יאר שפעטער ווען אין דעם פארשטופטן דערפל אין דזשארדזשיע איז גארנישט געווארן, האבן זיי זיך אריבערגעצויגן קיין ניו יארק סיטי, און אין יענע צייט זענען זיי ארויף אויף די סטאק מארקעט, צוביסלעך האבן זיי אנגעהויבן שלעפן נאך קאמפאניס ארויף אויפן סטאק מארקעט, און די קאמפאני איז געווארן פון די הויפט שפילערס אין די האנדלס אינדוסטריע.

אזוי איז אריבער אויף זיי וואס איז גייט אריבער אויף יעדע מיטלגארטיגע קאמפאני, מען האט זיך געמוטשעט און געדרייעט און געקוועטשט. זיי זענען אויך אדורך די סטאק מארקעט קראך פון 1929, ווען אסאך אזעלכע סארטן קאמפאניס זענען אונטערגעגאנגען, האבן זיי על דרך לא דרך עס דורכגעלעבט, אזוי האבן זיי דורכגעשוויצט אסאך שווערקייטן און זיך געבויט גאר צושטייטלעך.

אין יאר 1924 למספרם האט די לעהמאן ברודערס קאמפאני אריינגענומען צום ערשטן מאל איינער נישט פון די לעהמאן פאמיליע פאר א הויכראנגיגע פאזיציע אין די פירערשאפט פון די קאמפאני, און מיט פערציג יאר שפעטער ווען דער לעצטער לעהמען איינקל איז געגאנגען אויף פענסיע, האבן עטליכע פשוטע בעלי בתים איבערגענומען קאנטראל אויף די קאמפאני, וואס דאס האט געפירט דערצו אז אין די 1960'ער יארן האט די קאמפאני פארלוירן געלט פאר יארן אין א צי.

דאן איז די קאמפאני אדורך די גרויסע טראנספארמאציע ווען זיי האבן אויפגענומען עפעס א פרישער ענערגישער פירער וואס זאל ארויסטראגן דעם ביזנעס פון די שווערע פראבלעמען, וואס האבן דאן געפלאגט די קאמפאני, זיי האבן דאן אפגעקויפט און זיך צוזאמגעשטעלט מיט עטליכע קלענערע אינוועסטמענט בענק און זיי זענען דעמאלטס געווארן די פערטע גרעסטע אינוועסטמענט באנק אין אמעריקע..

א קליינע פראבלעם איז געווען אז דער נייער פירער האט ארויפגעברענגט זיינע פריינט צו הויכע פירערשאפט פאזיציעס, און די נייע פירערס האבן זיך אביסל געפירט משה גרויס, דאס האט אנגעברענגט זייער א נישט גוטע לופט אין די קארידארן פונעם הויפטקוואטיר. מיט צוואנציג יאר שפעטער האט איינער פון די אינוועסטערס פון די קאמפאני געזאגט "די לופט וואס איז געווען דעמאלטס צווישן די ארבעטער האט געפירט דערצו אז מען זאל דארפן פארקויפן די קאמפאני".

טאקע אין יאר 1984 למספרם האט די גרויסע קאמפאני 'אמעריקען עקספערס' זיך איינגעהאנדלט די לעהמאן ברודער קאמפאני, נאך וואס מען האט זיך אינערליך ארומגעריסן ביי די קעפ און ס'איז געבליבן אז בלויז א צווייטע פירערשאפט וועט קענען ארויסהעלפן דעם מצב דא..

אונטער די נייע פירערשאפט פון וועלכע זיי האבן זיך למעשה צום סוף אפגעריסן, האבן זיי אנגעהויבן גרעסערע אינוועסטמענטס און פרובירט צו גיין גרעסער, זיי זענען געוואקסן אין די ביליאנען, און שפעטער אין די הונדערטער ביליאנען, מיט אפיסעס הויטקווארטירט אין די צווילינג טורעמס אין מאנהעטן.

ווען די סעפטעמבער 11 אטאקעס זענען אונטערגעקומען זענען די ארבעטער צום ערשט געווען צושפרייט

## א קוק אויף צוריק מיט א בליק אויף פאראויס

**ש. ז. היסטאריקער**

איבער גאנץ ניו יארק און ניו דזשערסי, און מיט א יאר שפעטער האבן זיי איבערגענומען א ריזן בנין אין הארץ פון מאנהעטן, מיט גענוג פלאץ פאר טויזענטער פון זייערע ארבעטער.

אין יענע צייט איז די באנק אריין אין די מארטגעדזשעס ביזנעס מיטן אפקויפן א פירמע פון קאלאראדא, זיי האבן אנגעהויבן טיילן מארגעדזשעס רעכטס אין לינקס אן געהעריג קוקן אויף די ריזיקע פון יעדע מארטגעדזש עקסטער. אין 2006 למספרם האבן זיי געלייעט 50 ביליאן דאלער א מאנאט.

דאן איז געקומען די מארטגעדזש קראך פון 2007. די קלענערע בענק וואס זענען געווען אין די ביזנעס פון טיילן און בארגן אן קיין חשבון האבן זיך צוזאמגעלייגט איינס נאכן צווייטן, און ס'זענען געווען געוויסע וואס האבן געטייטלט אויף די לעהמאן בראדערס אז זיי זענען די קומענדיגע אין די רייע צו פאלן.

אבער גאר אנדערש ווי ערווארטעט, איז נאך די ערשטע פאר חדשים פון 2008 האט די קאמפאני באריכטעט אז זיי האבן געהעריג געמאכט געלט און אז די קאמפאני האט זיך בכלל נישט באצויגן צום אלטוועלטליכן קראך, דאס האט געפירט דערצו אז די סטאקס פון די קאמפאני זאל ארויפשיסן און די וואס זיצן ביים שפיץ פונעם שטייסל זאלן מאכן אסאך געלט.

אביסל אריין אינעם יאר האבן אנגעהויבן ארויסקומען געוויסע צייכענעס אז זאכן זענען נישט אזוי אייאייאיי (יא, ס'איז איין ווארט).

אבער מיט דעם אלעם, אפילו ס'איז ארויסגעקומען פון פארשידענארטיגע ריכטונגען אז די קאמפאני פארלירט געלט, האבן די בעלי בתים פון די קאמפאני ארויסגעלייגט באריכטן וואס האבן געוויזן אז די קאמפאני פארמאגט נאכאלץ גענוג געלט. מיט אפאר וואכן שפעטער איז ארויסגערינען די אמת אז ס'איז צרות ווי א בארג און די קאמפאני זוכט איינער זאל איר אפקויפן. צווישן די פארשלאגן וואס זענען דעמאלטס אריינגעקומען איז געווען אז די העכערע עשאלאן מיט די הויכראנגיגע פאזיציעס זאל שניידן אביסעלע פון זייער געהאלט וואס דאס וואלט געקענט אויפהייבן די מאראל פון די ארבעטער און אפשר ראטעווען דעם מצב, אבער זיי האבן אפגעזאגט.

מיט איניגע טעג שפעטער איז די קאמפאני ארויסגעקומען זאגן: "מורא ורבותי, מיר האבן חובות פון 800 ביליאן דאלער, מען קען נישט ווייטער אנגיין אזוי, מיר שליסן דאס געשעפט, א גוטן."

טאטאלע כאאס האט נאכגעפאלגט, די גאס איז געווען אויף דערמיט, אז איינס פון די גרעסטע אינוועסטמענט בענק אין אמעריקע האט זיך פלעין און פשוט צוגעמאכט און איבערגעלאזט יעדן מיט די צונג אינדרויסן, מען האט פרובירט דאס בעסטע צו טרעפן א קונה וואס זאל אפקויפן דעם געשעפט און ארויסהעלפן צו פארמאכן בדרך כבוד. דאס בעסטע געשעפט וואס זיי האבן געקענט טרעפן איז געווען ממש פאר פעניס, ווען מען רעכנט די ריכטיגע ווערד פון וויפיל מען וואלט געקענט פארקויפן דאס געשעפט ווען וועלט איז וועלט.

יעצט האט זיך אנגעהויבן די ריכטיגע שאלה, וואס ברענגט אז א ריזיגע מעכטיגע קאמפאני מיט צענדליגער טויזענטער ארבעטער און אפטיילונגען ארום דעם וועלט זאל זיך צומאכן אזוי נישט מיר נישט דיר?

מען האט געעפנט אן אויספארשונג, און נאך א יאר צייט האט מען ארויסגעלייגט די געפינסן, פשוט די קאמפאני האט ארויסגעלייגט אז זיי זענען ווערד מער ווי זיי זענען עכט געווען, און אזוי האבן זיי געבארגט און פארבארגט און זיך ווייטער געפירט ווי ביים טאטן אין וויינגארטן בשעת ס'איז געהעריג נישט געווען קיין געלט אין די קאסע.

אנשטאט זיך אוועקזעצן און אדורך טון דעם פראבלעם און עס נישט לאזן וואקסן, האבן זיי זיך געמאכט ווי כאילו לא היה. מען איז געזעצן ארונטער געווישט פון אונטער די קארפעט און אזוי האט זיך עס געענדיגט מיט א פראסק וואס האט אונטערגעלייגט דעם גאנצן קאמפאני.

די זעלבע זאך פאסירט כסדר מיט מיר און דיר, ווען מען דערזעט זיך מיט א פראבלעם בפרט ווען דער פראבלעם איז מיט זיך אליינס, פריוואטע זאכן וואס יעדער מענטש זעט אז ער דארף זיך פארעכטן, און מען ווייסט נישט ווי אזוי צו גיין ווייטער, מאכט מען זיך נישט וואוסענדיג און מען גייט זיך ווייטער, אנשטאט זיך אוועק זעצן מאכן א זיצונג מיטן אייבערשטן, "הייליגער באשעפער כך וכך איז מיין פראבלעם, העלף מיר זיך אן עצה געבן אין לעבן."

גייט מען אנשטאט און מען דרייט זיך אהין און אהער און מען חזר'ט זיך אליינס טויזנט מאל ביז מען גלייבט שוין אליין אז ס'איז נישט דא קיין פראבלעם, און צום סוף קוקט מען אויס אזוי ווי לעהמאן בראדערס און מען דארף איינעמען די בזיונות וואס זיי האבן איינגענומען ווען די גאנצע קאמפלעקס וואס מען האט זיך אליינס אויפגעבויעט טראסקעט איין מיט א זעץ.

טאקע פארדעם איז גאר גאר וויכטיג צו לערנען יעדע וואך עצתו אמונה, דארט שטייט יעדע וואך נאכאמאל, אז מען דארף אויסשמועסן די פראבלעמען מיטן אייבערשטן.

נו, אז ס'איז אזוי גרינג צו רעדן מיטן אייבערשטן, פארוואס זאל מען עס נישט טון יעדן טאג?



# מעשיות פון תפילה

## שמעון גאלדבערגער

בני ברק

1. איך האב געדארפט כאפן א געשעפט גאר וויכטיג, די געשעפט האט געדארפט פארמאכן אין פינף מינוט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן: "רבונו של עולם העלף מיר איך זאל נאך קענען כאפן דעם געשעפט ווען עס איז נאך אפען, און אויב איך וועל עס נאך כאפן וועל איך עס מפרסם זיין אינעם בלעטל. שכח אייבערשטער ווען איך בין אנגעקומען איז עס נאך געווען אפען.

2. איך האב געהאט א שוועריקייט וואס האט מיר זייער געשטערט, איך האב נישט געזען דעם וועג ארויס, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל מיך ארויסזען דערפון, אפילו איך ווייס נישט וויאזוי דאס קען פאסירן, אבער דו קענסט דאך אלעס. שכח אייבערשטער אז איך האב מיך ארויסגעזען דערפון נאך א קורצע צייט.

## אלחנן זויבערמאן

צפת

1. מיין קינד האט געדארפט ארייננגיין אין א פלעי גרופ, און אסאך מאל לאזן זיי נישט אריין אינמיטן יאר, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל אים אננעמען, שכח אייבערשטער מ'האט אים אריינגענומען א וואך שפעטער.

2. ביים יארצייט פון מוהרא"ש זיע"א האב איך געוואלט פארן מיט מיין ווייב קיין יבנאל, אבער איך האב נישט געהאט קיין וועג. האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז כ'זאל האבן א וועג.

שפעטער ביינאכט האב איך געשמועסט מיט מיין באקאנטער א גורער חסיד וואס האט גארנישט מיט מוהרא"ש, און יענער זאגט מיר: "יאללא קום פארן צוזאמען..."

"האסט פלאץ פאר מיך מיט מיין ווייב און קינד?" "יא - אפילו פאר נאך איינעם..."

האב איך געפרעגט מיין שוואגער חיים שלמה ראבינאוויטש נ"י אויב ער וויל מיטקומען - און דעמאלטס בין איך געוואויר געווארן אז איך בין געווען א פרט אין זיין מעשה פון תפילה...

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



# קעניג אדער קיסר?

## שאלה

**וואס איז דער חילוק צווישן א קעניג מיט א קייזער (אדער קייסער)?**

## ענטפער

א "קעניג" און א "קייזער" זענעןביידע הערשער, אבער עס זענען דא חילוקים צווישן זיי: א "קעניג" איז דער הערשער פון א לאנד אדער קעניגרייך. ער באקומט זיין מאכט דורך ירושה אדער ווייליג, און זיין מלוכה איז באגרעניצט צו איין לאנד (ווי דער קעניג פון ענגלאנד, פראַנקרייך, אדער שפאניע). א "קייסער" הערשט איבער אן אימפעריע, וואס איז געווענליך א גרופע פון עטליכע לענדער, פעלקער, אדער ראיאנען. ער האט מער מאכט ווי א קעניג און איז א הערשער איבער קעניגן (ווי דער קייזער פון רוים אדער דער רוסישער צאר).

עטליכע ביישפילן פון קעניגן און קייסערן אין די לעצטע היסטאָריע פון אייראָפּע: קעניגן: דער קעניג פון ענגלאנד (בריטישע מאנארכיע) - קעניג דזשארדזש, קעניגן עליזאַבעט, וואָס האָט געהערשט פאַר איבער 70 יאָר. היינט קעניגט אין ענגלאנד קעניג טשאַרלס דער דריטער. קעניג פון שפאניע - קעניג כואן קאַרלאָס, היינט קעניגט אין שפאניע קעניג פעליפע דער פערטער. אין בעלגיע איז פיליפ דער יעצטיגער קעניג. אין שוועדן דינט קעניג קאַרל גוסטאַף דער זעכצנטער אלס קעניג זינט תשל"ג. אין נארוועגיע הערשט קעניג האראַלד דער פינפטער אלס קעניג פון תשנ"א.

קייסערן: דער לעצטער קייזער פון די עסטרייך-אונגארישע אימפעריע איז געווען קייזער קאַרל דער ערשטער, נאך דער ערשטער וועלט מלחמה איז די אימפעריע צעפאלן. דער לעצטער דייטשער קייזער איז געווען קייזער ווילהעלם דער צווייטער ער האט געדינט אויף די פאזיציע ביז נאך דער ערשטער וועלט מלחמה. אין רוסלאנד איז ליידער שלעכט בארימט "צאר ניקאליי" דער צווייטער, דער לעצטער צאר פון די רוסישע אימפעריע, וואס איז אומגעברענגט געווארן דורך די באָלשעוויקן אין יאר תרע"ח.

אונז ברסלב'ע חסידים זענען שטארק באקאנט מיט די צוויי ווערטער, וויבאלד מיר לערנען דעם הייליגן ספר "סיפורי מעשיות" ווי דער רבי פארציילט די מעשה פון די מלך מיט'ן קייסער וואס האבן צוגעזאגט זיך משדך צו זיין, אויב מען ווייסט דער חילוק צווישן א קעניג מיט א קייסער פארשטייט מען בעסער די מעשה, מ'זעט אז דער קייסער האט נישט געפאסט זיך משדך צו זיין מיט א קעניג, ער האט געוואלט זען צי דער בן מלך קען פירן "מדינות", די מעשה האט אין זיך פילע סודות התורה, און לערנען די מעשה איז מסוגל צו ווערן אן ערליכער איד, איינען פון די זאכן זעט מען זיי האבן אלע געטראכט אז דאס איז א גוטע שידוך, אבער זיי האבן זיך געשעמט צו רעדן דערפון - זיי האבן דאן געמיינט אז דער בת קייסער איז א דאקטאר, און נאכן טרונקען וויין האבן זיי געזאגט "ווי שיין וואלט געווען די קעניג זאל חתונה האבן מיט'ן דאקטאר", האט דער דאקטער געזאגט "זייער שיין, אבער איך וויל עס הערן פון ענק ניכטערערהייט".

דאס האט מען געקענט זען פורים ווען עס איז ארויסגעקומען די פנימיות פון אידישע קינדער, מען וויל זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער זאגט אונז, זייער שיין, אבער איך וויל עס הערן פון ענק א גאנץ יאר. דאס וועט געשען ווען מיר וועלן אופהערן דינען דעם "פאסטוך" און אנהייבן דינען דעם אייבערשטן. א גאנץ יאר "פאסט נישט" צו רעדן פון אמונה, א גאנץ יאר "פאסט" צו זיין "נארמאלע" מענטשן, דער אייבערשטער בעט אונז מיר זאלן אוועק ווארפן אלע חשבונות און רעדן פון אמונה אפן א גאנץ יאר.

בנוגע צי מען שרייבט "קייזער" אדער "קייסער" - די ריכטיגע וועג צו שרייבן איז "קייסער", מיט אַ סמך. אבער מען זאגט עס ארויס מער וויינגער מיט א ז'. דער מקור פון דער ווארט קומט פונעם לאטיינישן ווארט Caesar, און ווערט ארויסגעזאגט אין פארשידענע שפראכן אויף אנדערע וועגן, ערגעץ צווישן "סיסער" און קייזער". דרך אגב "צאר" איז דער רוסישער ווארט פאר "קייסער", און אויף ענגליש זאגט מען עס געווענליך אנדערש "עמפּעראָר".

מיר אלע ווייסן אז דער אייבערשטער איז דער "מלך מלכי המלכים", דאס מיינט לכאורה דאס. עס איז דא א "קעניג" א מלך, דערנאך איז דא א "קייסער" ער איז א "מלך המלכים", און דער אייבערשטער איז קעניג אויף אלעם אריינגערעכענט די "קייסערן" דאס מיינט א "מלך מלכי המלכים".

# געדאנקען

## מ'גייט טוישן פון Lipton טיי צו "רעד-זינגער"

געלויבט דעם באשעפער מ'האלט שוין דא אז די דזשאנק לעידל איז שוין פסח'דיג.

די בעטערים צוריק געלייגט אין די 3X3 אינטשיגע קעסטעלע, די עקסטענשן ווייערס צוריק מיט די ראבער בענדעלע אין די אכט אינטשיגע רעקטענגל BIN, די פאון טשארדזשערס איז שוין צוריק אין די TWISTY, די זיידי פין'ס (פעלט נישט אויס צו עס רופן באבי פין'ס) צוריק אין די זיפ-לאק BAGGY, (די חילוק פון BAG און BAGGY איז פשוט, ס'האט צו טון ווי ביזי ס'איז, יעצט האב איך אביסל איבעריג צייט, במילא זאג איך BAGGY אנשטאט BAG) ביי די סקאטש-טעיפ BIN, האט מען זיך געבייזערט, כמנהג קצת קהלות, פארגעהאלטן די קינדער פארוואס זיי נוצן "קאטש-טעיפ" וואו מען ברויך נישט, די געלע פאסט-איט-נאוטס פון די רפואה-שלימה-לכל-מכאובינו פארטי האמיר צוריק געלייגט אין די רעכטע קארנער, גאנץ אין די בעק, אז די קליינע קינדער וואס פארשטייען נישט די ווערליו פון געלע פאסט-איט-נאוטס (וואס איז א מורא'דיגע יקר המציאות, מורא'דיג מורא'דיג שווער צו באקומען, אפגעזען פון די פאקט אז מ'טיילט עס ביי אלע פארטיס און צוזאמענקונפטן) זאלן עס נישט חלילה אביוזן.

די האלב טויטע פלעש-לייט וואס געבט א שיין אזוי ווי א LUNAR ECLIPSE טאר מען נישט אוועקווארפן, ווייל לויט די בלינדע ECLIPSE שיין וואס דער פאראליזירטער פלעש לייט געבט ארויס וועלן מיר קענען מדמה זיין מילתא למילתא צו מ'זעמיר טאקע אין א לונאר עקליפס אדער נישט, אזא וויכטיגע דיוויים ווארפט מען נישט אוועק, ווייל טאמער NASA וועט אונז מארגן קאנטאקטירן מיט א מיליאן דאלער אפפער פאר אונזער בליצטראפדיגע ראסטיגע פלעש לייט.

די ספרים-בינדן-טעיפ, אויש! קאשמארן! דו דערמאנסט מיך פאר איך האב געזאגט משניות מיט אזא זיסקייט, יויש! די ספרים בינדעריי פאבריק!....... אוי גאט אין הימל ווי אזוי האב איך געקענט לעבן אין יענע ספרים-בינדעריי-עפאכע און זאגן גמרא יעדן טאג.......... אוי גאט אין הימל איך קום דיר א דאנק פאר מוהרא"ש וואס האט מיר אויסגעזאגט דעם סוד פון זאגן משניות אנשטאטס בינדן ספרים! אוי הייליגער זיסער מוהרא"ש איך בין דיר שולדיג מיין לעבן! אוי וואו וואלטן מיר געווען ווי וואלטן מיר אויסגעזען אן מוהרא"ש וואס לערנט אונז דאס אויס!

די הייזעריגע מעדזשיק מארקער, שוין, פאר א זֶכֶר, אז צען יאר צוריק האט ער נאך געקענט שרייבן אויף די קאנטערי באקס "טאטי'ס שמאנצעס".

די שטומפיגע שערל וואס הייבט נישט אן צו קענען שניידן, לייגן מיר אוועק אז אויב מארגן וועלן מיר האבן א פאפיר וואס דארף נישט צושניטן ווערן, אזוי ווי יענער האט אוועקגעלייגט אין פרידזשידער די ליידיגע באטל מילך, ווייל מארגן ווייל ער א שווארצע קאווע.

די PLUG 3 IN 1 וואס מיר האבן געמוזט קויפן אין אייקיע ווייל ס'איז געווען אן עבירה דארט צו לאזן, לייגן מיר נעבן די שער מאשין, ווייל אפשר וועט מען דארפן אמאל אין איילעניש שערן דריי קינדער אויף אמאל. (מיר האבן נישט קיין דריי שער מאשינדלעך, אבער דאס איז נישט מעכב, ווייל טעארעטיש קענען מיר דענסמאל אין די איילעניש לויפן קויפן נאך צוויי שער מאשינדלעך, אבי די צוויי דאלערדיגע "3-אין-1" איילעניש-פלאג איז שוין דא, הכל ריוח).

די שטיקל פון די פלאג וואס טוישט פון א דריי PRONG צו א צוויי PRONG, (ס'נעמט אוועק די "גראונדער") קען מען זיכער נישט אוועק ווארפן! ס'איז א שפיל מיט פייער! ס'איז געווען אמאל א שריפה רחמנא ליצלן, און דער CHIEF מיט'ן היטל און די בלויע בליצערס האט געזאגט פאר די צושויער אז עפעס איז געווען דארט א "גראונדער" פראבלעם, קודם זעמיר סעיף בעזר השם לגבי די "גראונדער" סיטשועישן.

די רעיסערס וואס שמעקן פון לעמאן טאר מען נישט אוועקווארפן, וועגן פיקוח נפש! טאמער איינער איז חלילה פאר'חלש'ט יום כיפור און ער מוז זאפארט שמעקן א לעמאן, איי א רעיסער איז מוקצה?! אקעי, נישט פאר יום כיפור, אבער סתם שמעקן לעמאן איז אויך נישט אזא שלעכטע עצה.

די פינקע היילייטער מוז איך געדענקען אז איך האב עס דא, ווייל אפשר וועט מיר איינפאלן אזא טיפע געדאנק אין די טיפע ענין וואס איך לערן יעצט מיט די חברותא, אז איך וועל עס מוזן פינק-היילייטערירן מחמת גרויס עקסייטמענט צו די טיפע איינפאל.

# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

די לייז קעמל, אקעי, שוין, העם... עם..... וואס זאגסטע?.......
לאמיר רעדן פון עם... עם... טראמפ און זעלענסקי.

די יו. עס. בי. סטיקס מיט די סעקאנד דענסעס און די פינעווע פארטאגס בדחנות מיט די משל פון די קעניג און די פוקס און די רויבער און די עלעפאנט האמיר געלייגט אין די ספעציעלע דיקע 3MIL זיפ-לאק בעגעלע, אז די טייערע בדחנות זאל נישט חלילה קאליע ווערן אויב ס'איז אין צי א דינע פלעסטיק, (ווער ווייסט אויב די מייקראוועיוו שטראלן קענען נאך חרוב מאכן די קעניג מיט די רויבער אינמיטן די משל, נאך א מזל אז די דיקע 3 MIL זיפ-לאק לאזט נישט אדורך די גרויזאמע מייקראוועיוו שטראלן).

אויף די לינקע זייט פון די דזשאנק לעידל האמיר געלייגט אלע סארט קלעיבאכץ, MISTIC TAPE, MASKING TAPE, ELECTRIC TAPE, SCOTCH TAPE, COTCH TAPE, GORILLA TAPE, CRAZY GLUE, NORMAL GLUE, HEALING GLUE, THERAPY GLUE, ENERGY GLUE, GLITTER GLUE, 12 STEP GLUE, INTROVERT GLUE, EXTROVERT GLUE, DEMANDER GLUE, COMMANDER GLUE, EDUCATOR GLUE, און נאך אסאך ערליי אנקלעבאכץ'ן און אנשיקענישן.

די אלטע זעכציג יעריגע קאסעט טעיפס פון יגאל סאליק און עיבי ראטנבערג מיט די ארויסגעשלעפטע בענדלעך וואס איך גיי נאך איין טאג צוריקדרייען מיט א פענסל, האמיר אריבערגעלייגט אין א שפאגל נייע פוד סטארעדזש BAGGY (שוין ווייטער האט ער צופיל צייט).

יא! איין טאג גייט מען צוריקדרייען אלע קאסעט טעיפס מיט א פענסל!

יא! איין טאג גייט מען זיך נעמען אין די הענט אריין!

נעמען א חברותא און זיך אריינלייגן ראשו ורובו!

גענוג געוועזן מיט די תירוצים! איך גיי דרייען די קאסעטעס מיט'ן פענסל, און איך גיי דרייען מיט'ן גראבן פינגער אין די טיפע ענין




וואס מ'אקערט יעצט אדורך!

יא, ווייל יא................

לאמיר FACE'ן די פאקטן, יעדע שטוב האט א צוריקטן דזשאנק לעידל און יעדער איד האט א יצר הרע.

די פארריקטע צודרייטע דזשאנק לעידל איז אנגעפילט מיט מורא'דיגע מורא'דיגע וויכטיגע מעכטיגע פרעכטיגע ליכטיגע פארכטיגע לייפסעיווינג שטותים און הבלים, און די שלעכטע יצר הרע פון דעם איד קומט צו פליען מיט וויכטיגע מעכטיגע פארכטיגע פרעכטיגע ליכטיגע הוידל בוידל באבע מעשיות צו מאכן דו זאלסט נישט לערנען.

יעדע אנהייב זמן קומט א נייע מסכתא, ביז די דריטע וואך אין זמן ווען דער שווער זאל געזונט זיין מאכט חתונה זיין נחת'ל, ס'קומט שבעת ימי המשתה, שוין, די יעצטיגע זמן איז א FLOP, האב איך שוין א תירוץ צו גיין לײדיג ביז א האלב יאר ארום, נאכדעם נאכאמאל א נייע מסכתא, א נייע חברותא, א נייע חבורה, א נייע מסגרת, דריי וואכן שפעטער, דער שווער זאל געזונט זיין מאכט חתונה ס'ערשטע אייניקל! שבעת ימי המשתה, ווייטער א FLOP, א האלב יאר שפעטער א פרישע מסכתא, מ'גייט לערנען אין א אנדערע בית המדרש, מ'גייט טוישן פון LIPTON טיי צו "רעד-זינגער", דריי וואכן שפעטער, הצלת נפשות, דער דריטער קאזן מאכט חתונה, מ'מוז מאכן א דרינגענדע "מסיבת ר-א-ט-ע-וו-ע-ט!", א מסיבה צו ראטעווען די עכטע בלומען, "קומט אלע ראטעווען די ע-כ-ט-ע בלומען מ'זאל עס נישט קענסלען אויב מ'באצאלט נישט די פינעף אלפים", "הצילו!" "ראאאאטטטטטעוועט!" "איז דעם חתן'ס בלוט הפקר?!!!!!!!!!" "איז דעם מחותן'ס בלוט הפקר?!!!!!!!!" "הזאת כייכליסייני???!!!!" "הזאת פלייקיסייני??????" "הזאת שסיקליסייני??????" "א חתונה אָן עכטע בלומען??!" "הזאת בלומעניסייני?!" "הזאת פרחתינו?" "הזאת שושנה בין החוחים?" "קול מלחמה במחנה!!!!!" "תזדעזע הארץ!" "למען ה'עכטע בלומען לא נחשה!!!!!!" "גגגגיוו-גגגגיוו-גגגגיוו-גיוואאאאאאלד!" מ'מוז צאמשטעלן שוין די מינוט גאנצע צוואנציג אלפים פאר די "ביליגע שפארזאמע" חתונה, ווער קען דען שטיין אין די זייט? פארמאכן די גמרא! און ביז דערווייל קויף איך יעדן האלב יאר א נייע גמרא אדער א נייע סארט טיי.

די ריאליטי איז אז ס'קוקט אויס אז ביידע זענען HERE TO STAY, סיי די פאררוקטע דזשאנק לעידל, סיי דער שלעכטער יצר הרע, אן פאלגן א צדיק איז נישטא קיין טשענס צו אנקומען אין לעבן צו עפעס זאכליכס, אדער פאלגט מען א צדיק און מען עפנט די גמרא "יעדן טאג", אדער וועלן מיר זיך טרעפן נאכ'ן צוריקדרייען די קאסעטעס מיט די פענסל.



# א מעשה
## פון א צדיק

## אַ סֵדֶר נַאכְט צוּם גֶעדֶענְקֶען

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי דָוִד פוּן לֶעלוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ אַמָאל אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ נְסִיעָה קַיין לוּבְּלִין, צוּ זַיין בַּיי זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פַאר דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע סֵדֶר נֶעכְט.

אִינְמִיטְן וֶועג פָארְנְדִיג מִיט אַ בַּעַל עֲגָלָה הָאט זִיךְ דֶער וָואגְן צֶעבְּרָאכְן אוּן דֶער בַּעַל עֲגָלָה אִיז גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אֵיינֶער פוּן קֶען אִים פַארְרֶעכְטְן דִי וָואגְן. בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַזַא אֵיינֶער וָואס זָאל קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן דִי וָואגְן, הָאט גֶענוּמֶען אַ לַאנְגֶע וֵוייל.

פַאר רֶבִּי דָוִד לֶעלוּבֶ'ער הָאט דָאס שְׁטַארְק בַּאנְג גֶעטוּן, וַוייל מען הַאלְט זֵייעֶר נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב אוּן דֶערְוַוייל אִיז מֶען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אָרְט וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה וואוֹינְט.

בִּיז דִי וָואגְן אִיז גֶעוָוארְן פַארְרָאכְטְן אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען עֶרֶב פֶּסַח, אוּן רֶבִּי דָוִד לֶעלוּבֶ'ער רוּפְט זִיךְ אָן צוּם בַּעַל עֲגָלָה "נוּ! נוּ! שְׁנֶעלֶער! שְׁנֶעלֶער! אִיךְ דַארְף נָאךְ זַיין הַיינְט בַּיינַאכְט בַּיי מַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין, עֶס אִיז טֶעג אוּן וָואכְן וָואס אִיךְ גְרֵייט זִיךְ צוּ פַאר דֶעם נְסִיעָה".

דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט אִים צוּרִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס וִוילְסְטוּ פוּן מִיר? אִיךְ בִּין נִישְׁט שׁוּלְדִיג! דוּ הָאסְט גֶעזֶען אַז דִי וָואגְן הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן אוּן עֶס הָאט גֶענוּמֶען אַסַאךְ צַייט צוּ פַארְרֶעכְטְן".

רֶבִּי דָוִד לֶעלוּבֶ'ער הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען וֵויינֶען אוּן מַסְבִּיר זַיין פַארְן בַּעַל עֲגָלָה וִוי וִויכְטִיג עֶס אִיז פַאר אִים, מֶען הָאט זִיךְ גֶע'טַעֲנָה'ט אַהִין אוּן צוּרִיק בִּיז פְּלוּצְלִינְג אִיז דִי פֶערְד גֶעשְׁטָארְבְּן.

רֶבִּי דָוִד לֶעלוּבֶ'ער הָאט גֶעזֶען דִי מַצָב אַז דִי זוּן גֵייט שׁוֹין בַּאלְד אוּנְטֶער, אוּן עֶר גֵייט דַארְפְן זַיין דָא אִין דִי גֶעגְנְט פַאר דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע פֶּסַח טֶעג, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס וואוֹינֶען אִידְן, בָּרוּךְ הַשֵׁם עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס אַ פַארְוָוארְפֶענֶע שְׁטֶעטְל וואוּ עֶס וואוֹינֶען אַפָּאר אִידְן. עֶר אִיז אַרַיין אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט אַז עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען זַיין בַּיים סֵדֶר פוּן זַיין הֵיילִיגֶע רֶבִּי דֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין.

אִין שׁוּל זֶענֶען גֶעוֶוען נָאר פְּרָאסְטֶע אוּן זֵייעֶר פָּשׁוּטְע מֶענְטְשְׁן. אֵיינֶער פוּן דִי פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים אַיינְגֶעלַאדֶענְט צוּ זַיין סֵדֶר, דֶער אִיד הָאט גֶעמַאכְט דִי סֵדֶר זֵייעֶר טְרוּקְן, עֶר הָאט אָפְּגֶעזָאגְט דִי הַגָּדָה זֵייעֶר שְׁנֶעל.

רֶבִּי דָוִד לֶעלוּבֶ'ער הָאט גֶעוֵויינְט אַ גַאנְצֶע צַייט אוּן גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקְשַׁאפְט צוּ זַיין רֶבִּי, עֶר הָאט גֶעזָאגְט "קַדֵּשׁ וּרְחַץ כַּרְפַּס יַחַץ" אַלְץ מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אַז בַּיי דִי גַאנְצֶע הַגָּדָה וִוי מֶען רֶעדְט פוּן דִי צָרוֹת וָואס דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן אָנְגֶעמַאכְט פַאר דִי אִידְן הָאט דֶער צַדִיק מַמָשׁ גֶעשְׁפִּירְט אַז דָאס אִיז פַאר אִים גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן. עֶר הָאט מַמָשׁ גֶעשְׁפִּירְט דָאס וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אִין מִצְרַיִם אִינְטֶער פַּרְעֹה אוּן זַיינֶע קְנֶעכְט נָאכְן כַאפְּן שְׁוֶוערֶע קְלֶעפּ. בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ "וַיּוֹצִיאֵנוּ מִשָּׁם בְּיַד חֲזָקָה וּבִזְרוֹעַ נְטוּיָה" הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן וִוי עֶר גֵייט יֶעצְט אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן מוֹרָא'דִיג פְרֵיילִיךְ.

אִינְדֶערְפְרִי אִיז רֶבִּי דָוִד לֶעלוּבֶ'ער גֶעגַאנְגֶען דַאוֶונֶען אוּן דִי מֶענְטְשְׁן דָארְט הָאבְּן אָפְּגֶעכִיפֶּערְט דִי דַאוֶונֶען, רֶבִּי דָוִד לֶעלוּבֶ'ער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן צוּ זִיךְ 'אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעפִירְט אַז אִיךְ זָאל דָא אָנְגֶעקוּמֶען אִיז זִיכֶער דָא עֶפֶּעס אַ סִיבָּה אִין דֶעם'. אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען מְחַזֵק זַיין אַ גַאנְצְן טָאג אַז זִיכֶער אִיז דָא אַ כַּוָונָה דֶערְצוּ. בִּיז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי צְוֵוייטֶע סֵדֶר אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶוען בְּגַדְלוּת הַמוֹחִין, עֶר הָאט גֶעזֶען דִי לֶעכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אַז דִי צְוֵוייטֶע סֵדֶר אִיז דוּרְךְ מִיט גְרוֹיס דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט.

מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב הָאט עֶר זִיךְ שֵׁיין בַּאדַאנְקְט פַארְן גַאסְט גֶעבֶּער, אוּן גְלַייךְ גֶעזוּכְט אַ בַּעַל עֲגָלָה אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ נְסִיעָה צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעפָארְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט.

וִוי נָאר עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען פְרֶעגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה: "דָוִד, וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע סֵדֶר נַאכְט? דַיין עֶרְשְׁטֶע סֵדֶר הָאט גֶעשַׁיינְט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת", הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְן חוֹזֶה "נֵיין רֶבִּי, דָאס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט, נָאר דִי צְוֵוייטֶע נַאכְט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לֶעכְטִיגְקֵייט, אוּן אַ מוֹרָא'דִיגֶע דְבֵיקוּת". אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶע חוֹזֶה הַאלְט זִיךְ בַּיי זַיינְס אוּן זָאגְט: "נֵיין! נֵיין! דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט הָאט דִי גַאנְצֶע הִימְל גֶעשַׁיינְט פוּן דַיין סֵדֶר"! הָאט רֶבִּי דָוִד לֶעלוּבֶ'ער דֶערְצֵיילְט: "דִי גַאנְצֶע עֶרְשְׁטֶע סֵדֶר אִיז אַדוּרְךְ מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אִין לוּבְּלִין בַּיי מַיין רֶבִּי" דִי צְוֵוייטֶע סֵדֶר אִיז אַדוּרְךְ בְּגַדְלוּת הַמוֹחִין, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֵויינְט, דִי סֵדֶר אִיז אַדוּרְךְ מִיט גְרוֹיס דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט אוּן שִׂמְחָה". הָאט דֶער חוֹזֶה גֶעזָאגְט: "יָא יָא! דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט הָאסְטוּ גֶעהַאט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, הָאסְט גֶעשְׁפִּירְט 'וָואס בִּין אִיךְ שׁוֹין, אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט', דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַ רַעַשׁ אִין הִימְל, דִי צְוֵוייטֶע נַאכְט הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעשְׁפִּירְט וִוי דוּ בִּיסְט שׁוֹין עֶפֶּעס וֶוערְד, דוּ בִּיסְט עֶפֶּעס".



הָאט מוֹהֲרָא"ש אוֹיסְגֶעפִירְט דָאס מֵיינְט 'תַּכְלִית הַיְּדִיעָה שֶׁלֹּא נֵדַע' אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ אוּן טְרַאכְט וָואס קֶען אִיךְ, אִיךְ בִּין וַוייט, וִוי קוּמְט מֶען צוּ צוּ זַיין נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר בֶּענְקְט אַזוֹי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים מְקָרֵב זַיין, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵגָה, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ 'אִיךְ בִּין, אִין טוּ, אִיךְ מַאךְ' דֶעמָאלְט אִיז עֶר לֵיידֶער וַוייט, וֶוען עֶס גֵייט אַדוּרְךְ שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אוּן עֶר קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק יב' עֶרֶךְ שַׁבָּת)



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע



קי"ג

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֵויילְט אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן אַ קִינְד, רֶבִּי נָתָן פָארְט אַהִין אוֹיף פּוּרִים. דֶער עוֹלָם הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן, מְ'הָאט גֶעטַאנְצְן דָארְט דִי גַאנְצֶע טָאג בִּיז מִנְחָה. דַאן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, "פוּן יֶעצְט וֶועסְטוּ שׁוֹין וִויסְן אַז שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים", אוּן מְ'הָאט דָארְט גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה.**

נָאךְ מִנְחָה אִיז דֶער עוֹלָם אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען, רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט גֵיין צוּ זַיין אַכְסַנְיָא, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "מִסְתָּמָא וֶועסְטוּ נָאךְ קוּמֶען צוּ מִיר אֵיידֶער דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן", אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִם יִרְצֶה ה', בִּיז אַ שָׁעָה צְוֵויי וֶועל אִיךְ צוּרִיק קוּמֶען", אוּן עֶר אִיז טַאקֶע צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן נָאךְ מַעֲרִיב, דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעזֶעסְן אוֹיף זַיין בֶּעט, גְרֵייט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אִיבֶּער דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע חֲזַ"ל אִיבֶּער דִי דְרֵיי מִצְווֹת וָואס דִי אִידְן זֶענֶען בַּאפוֹילְן גֶעוָוארְן בַּיים אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעגֶעבְּן אַז דִי אַלֶע דְרֵיי מִצְווֹת זֶענֶען אַ בְּחִינָה פוּן תְּשׁוּבָה. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן וִוי אַזוֹי דִי מִצְווֹת הָאבְּן שַׁייְכוּת מִיט תְּשׁוּבָה, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "דָאס זָאג דוּ שׁוֹין!", אוּן עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּינְ'ס הוֹיז.

עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן פוּן דֶעם, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג גֵייעֶנְדִיג פוּן רֶבִּינְ'ס הוֹיז בִּיז צוּ זַיין אַכְסַנְיָא, אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען שֵׁיינֶע חִידוּשִׁים אִיבֶּער דֶעם, אוּן אָנְקוּמֶענְדִיג צוּ דִי אַכְסַנְיָא הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן פַּאפִּיר מִיט טִינְט אוּן אַ פֶּעדֶער, אוּן עֶר הָאט דָאס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים אִים אַיינְגֶעפֶעדֶעמְט עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן מְחַדֵּשׁ זַיין אִין זַיין תּוֹרָה.

דָאנֶערְשְׁטָאג, ט"ז אָדָר, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט דִי פַּאפִּיר מִיט דִי חִידוּשִׁים וָואס עֶר הָאט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען, עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן אִים גֶעזָאגְט, "דוּ וֶועסְט קֶענֶען לֶערְנֶען, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט בַּאגֶערְן". דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז דֶערְוַוייל זָאל עֶר נִישְׁט מְחַדֵּשׁ זַיין קַיין חִידוּשִׁים, נָאר עֶר זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ הֲלָכָה.

רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט קוּמֶען יֶעדְן טָאג צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים, אוּן אַסַאךְ מָאל אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען מִיט רֶבִּי נָתָן אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אִין דִי פֶעלְדֶער אוּן בֶּערְג אַרוּם מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים וֶועגְן תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען עֶר זָאל אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

אֵיינְמָאל, גֵייעֶנְדִיג צְוִוישְׁן דִי פֶעלְדֶער אוּן בֶּערְג הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוִויזְן מִיט זַיין הֵיילִיג הַאנְט פַאר רֶבִּי נָתָן אוּן אִים גֶעזָאגְט, "דוּ זֶעסְט? אוֹיף דִי אַלֶע בֶּערְג אוּן פֶעלְדֶער אַרוּם דִי שְׁטָאט, בִּין אִיךְ אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל", דָאס הֵייסְט אַז עֶר אִיז אַסַאךְ אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען דָארְטְן צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט פַארְבְּרֶענְגְט דָארְט גַאנְצֶע טֶעג מִיט תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי אָרְטִיגֶע בֶּערְג אִיז פַארְהַאן גָאר אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ, אוּן בַּיים שְׁפִּיץ אִיז עֶס אַבִּיסְל טִיפֶער אַרַיין, אַזוֹי וִוי אַ טָאל, אוּן עֶר פְלֶעגְט דָארְט אַסַאךְ אַהִינְגֵיין, עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט צוּ נוּצְן יֶענֶעם פְּלַאץ פַאר הִתְבּוֹדְדוּת.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# קוק אהער

## נישט קיין גוטע משל!

ס'טוט זיך א גערדרענג, יעדער וויל אנקומען וואס פריער. ס'קוקט אויס ווי יו"ט, יעדער איז פרייליך, מ'שטופט זיך און מ'ריקט זיך פאראויס, יעדער וויל אנקומען פריער. גאנצע משפחות - מענער פרויען און קינדער אלע זענען זיך צוזאמען געקומען אינמיטן שטאט צום גרויסן מעמד!

וואס איז דער יו"ט היינט?

דער קעניג איז דא! יא דער גרויסער מעכטיגער קעניג איז דא, ער איז אראפגעקומען דא אין שטעטל, און נישט נאר דאס, נאר ער טיילט דיימאנטן!

דער קעניג טיילט דיימאנטן, ווער ס'וויל קען קומען בעטן, און יעדער איינער קען באקומען - יעצט פארשטייט איר שוין דעם גערדרענג?

דארט ביי די זייט נעבן קעניג זיצט א מקורב למלכות - א ידיד פונעם קעניג, ער פלעגט אלץ פארברענגען מיט די פויערן פון שטעטל, זיי געבן גוטע ווערטער, און זיי מקרב זיין - זיי מאכן שפירן גוט..

יעצט ווען די שטאט איז זיך צוזאמען געקומען צום צענטער נעמען גוטע זאכן פונעם קעניג, איז ער געשטאנען דארט ביי די זייט און געזאגט פאר אלע פויערן: "הערט צו, דער קעניג איז דא! פונעם קעניג קען מען אלעס באקומען, בעטסט וואס ענק דארפן, וועט עטץ בעטן דעם קעניג פאר אייז קרים מיט ליקעריש וועט עטץ באקומען אייז קרים מיט ליקעריש!"

יו"ט! די פויערן הוליען און טאנצן מיט גרויס שמחה, ס'איז דא אייז קרים מיט ליקעריש בחנם פונעם קעניג אליין ס'האט דאך אלע טעמים! די שמחה אין שטעטל איז אין לשער!

אזא משל האט דער ראש ישיבה פארציילט ביים שיעור, אז איינער האט אים דאס פארציילט מיט יארן צוריק, אז ס'דא א קעניג מיט א שר אויף א שטעטל פון פויערן, און ווען דער קעניג קומט, זאגט דער שר פאר זיין שטעטל: "גייט'ס בעטס נארישע קינדערישע זאכן, אנשטאט בעטן פאר גאלד זילבער מיט דיימאנטן"..

יענער האט פארגעהאלטן דער ראש ישיבה, היתכן דער ראש ישיבה האט אזא כח אויף אונזער דור, דער ראש ישיבה נעמט בחורים וואס האבן זיך שוין לאנג מייאש געווען פון נאך קענען אמאל זיין אן ערליכער איד, ער קלעבט זיי צו צום אייבערשטן זיי זאלן לעבן מיטן אייבערשטן אויף טריט און שריט, וויסן אז איבעראל איז דער אייבערשטער און דער אייבערשטער האט ליב א יעדע איד אפילו דו אין דיין מצב וואס דו ביסט האט דיך דער אייבערשטער ווייטער ליב און ער בענקט נאך דיר זאלסט צוריק קומען צו אים..

דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס די לימודים פון הייליגן רבי'ן צו שמועסן מיטן אייבערשטן און יעדע זאך וואס גייט נאר איבער אויפן מענטש זאל מען פארציילן פארן אייבערשטן און יעדע זאך וואס מ'דארף, קען מען בעטן דעם אייבערשטן!

דארפסט א נייע קאר? ווילסט א קעדי? בעט עס דעם אייבערשטן! ווילסט א גוטע סאפער, זאג ארויס מיט דיין מויל "אייבערשטער העלף איך זאל האבן א גוטע סאפער!" דארפסט א נייע רעקל? נייע שיך? בעט עס פונעם אייבערשטן, אויב וועסטו בעטן וועסטו אלעס באקומען!

האט יענער פארגעהאלטן דער ראש ישיבה אז אויב האט ער שוין יא די כח אזוי צו צוקלעבן אידישע קינדער צום אייבערשטן, דאן פארוואס בעטן אויף א קאר און אויף עסן און אויף נארישע קינדערישע גשמיות? מ'קען דאך אויסלערנען צו בעטן דעם אייבערשטן אויף גלות השכינה אז משיח זאל שוין קומען... די ריכטיגע סחורה!

"איך בין שוין נמאס פון די משלים פון די קעניג מיט די פויערן!" האט דער ראש ישיבה זיך אויסגעדרוקט, איך האב פאר דיר נאך א שענערע משל וואס האט שוין אזוי פיל מענטשן נעבעך אוועקגענומען פונעם אייבערשטן!

יעדער קען די באקאנטע משל וואס אלע מגידים קאכן מיט דעם מיט שמאלץ, ס'איז דאקומענטירט אין ביכלעך פאר קינדער אין קאמיקס יעדער איינער קען די זיסע משל. דער ראש ישיבה האט געזאגט: דו קענסט מיר פארציילן דעם משל פונעם גרעסטן מגיד, אבער מיר האט עס אלס בחור געמאכט איז איך זאל אויפהערן רעדן צום אייבערשטן!!!

אמאל איז געקומען א קעניג אין תפיסה באזוכן די ארעסטאנטן, און

## דאס און יענץ
## מיט א טיפערע
## אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



די שטייגער איז געווען אז יעדער ארעסטאנט האט געקענט בעטן עפעס פונעם קעניג..

איז געווען דארט איין ארעסטאנט וואס האט נישט געהאט קיין שום השגות, און מ'זאגט אים דער קעניג איז דא, דו האסט יעצט די געלעגנהייט צו בעטן ביים קעניג וואס דיין הארץ זאל נאר באגערן..

זאגט דער ארעסטאנט פארן קעניג: "אדוני המלך, דא אין תפיסה איז זייער קאלט, אפשר וואלט דער גרויסער געערטער קעניג רחמנות געהאט אויף מיר און געגעבן מער הייצונג דא אין די קאלטע תפיסה?"

זאגט דער קעניג: "אוודאי! געבטס אים פיינע הייצונג זאל אים זיין דא גוט ווארעם... "

שטייען אלע פון די זייט און לאכן פון דעם נאר... דאס בעטסטו פונעם קעניג? הייצונג?! דו וואלסט דאך געקענט בעטן פונעם קעניג ארויסצוגיין פון תפיסה!

דער מענטש וואס הערט אזא שמאלציגע משל ווי ס'ווערט אזוי שיין צולייגט, הייבט אן טראכטן 'טאקע! דאס בין איך דאך! אזוי נאריש צו זיין בעטן דעם אייבערשטן פאר געלט און פאר גשמיות'דיגע זאכן איך קען דאך בעטן אז משיח זאל קומען...

אבער די מציאות איז אז רוב מענטשן זענען זייער ווייט פון דעם, ליידער פאר רוב מענטשן דרוקט עס נישט יעדן טאג אזוי אויפן הארצן אז מ'זאל טאקע דאס בעטן, און מ'לאזט נאכדעם אינגאנצן אפ דאס רעדן צום אייבערשטן..

האט דער ראש ישיבה געזאגט: "לאמיך אפ מיט אלע משלים מיט אלע קעניגן שרים און פויערן, איך דארף אן אייז קרים פונעם קעניג! מארגן אויב וועל איך דארפן א דיימאנט וועל איך בעטן דעם קעניג פאר א דיימאנט!" מ'קען נישט זאגן פאר א מענטש בעט נישט דאס בעט נישט יענץ, נאר יעדע זאך וואס ליגט דיר אויפן הארצן זאלסטו בעטן נאר פונעם אייבערשטן!

"וואס איז פשט אין די מעשיות פון תפילה וואס די קינדער ברענגען אהיים פון חדר" האט דער ראש ישיבה האט געפרעגט דאנערשטאג נאכט פקודי ביים שיעור, "איין קינד בעט ער דארף א בלויע סקוטער, איין קינד בעט ס'זאל שוין כמעט זיין פסח... וואס איז די דשאוק פון דעם?"

"די קינדער ווייסן דאך נישט וואס זיי רעדן וואס איז טאקע פשט פון דעם גאנצן צעטל? נאר וואס דען, מ'לערנט אויס אז פון ווען די קינדער קענען עפענען א מויל און ארויסרעדן אווארט, זאלן זיי זאגן "אייבערשטער אייבערשטער" אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער רעדט."

"אויב ח"ו וועט דער קינד ארויסזאגן א מיאוסע ווארט פון זיין מויל וועסטו אים געבן אן עונש, אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער האט געזאגט, ווייל דו ווילסט אים אויסלערנען אז אפילו ער פארשטייט נישט אז דאס טאר מען נישט זאגן, די זעלבע איז פארקערט, מיר ווילן אויסלערנען די קינדער צו זאגן "אייבערשטער אייבערשטער" זיי זאלן אויפוואקסן מיט דעם אז אלעס איז אייבערשטער!"

דער ראש ישיבה האט געפרעגט: "אויב וועט מען עסן האניג וואס איז געווארן געמאכט פופציג מייל אוועק פון פאלושן וועט מען ווערן פון דעם פרייליך? ניין! זיכער נישט, די אלע זאכן זענען פונקט גוט צו דרייען דעם מענטש א קאפ, קום צו מיר איך קען דיר העלפן, אבער די איינציגסטע זאך וואס קען טאקע העלפן דעם מענטש איז רעדן צום אייבערשטן."

א מענטש דארף מאכן א רפואה אזוי ווי א דאקטער. ווען א דאקטער מאכט א מעדעצין מישט ער אויס אביסל פון די סארט גראז און פון יענע מין קעמיקאל און ס'ווערט א מעדעצין, די זעלבע זאך זאל א מענטש מאכן א מעדיצין רעצעפט פון תפילה, אביסל דאנקען אביסל בעטן, צולייגן וואס דרוקט יעצט אויפן הארץ יעדער איינער מיט זיין זאך, און זיך אזוי מאכן גוטע תפילה מעדעצינען, וועט מען ווערן פרייליך און האבן אלעס וואס מ'דארף!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**



# היכל הלכה

איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

## המשך הלכות מעשר כספים

**שאלה ח':** וואס דארף מען להלכה צי טון מיט מעשר געלט, געבן פאר ארימעלייט, אדער טון מצוות מיט די געלט, און אויב טון מצוות, איז וועלכע מצוה מ'וויל, אדער געוויסע מצוות?

**תשובה:** ס'איז א אפענע רמ"א (יו"ד סי' רמ"ט סעי' א') ואין לעשות ממעשר שלו דבר מצוה כגון: נרות לבית הכנסת, או שאר דבר מצוה "רק יתננו לעניים"! געבן פאר ארימעלייט!

אזוי ווי ס'שטייט אין שו"ע (יו"ד סי' רנ"א סעי' ג') אז קרובים קומען פאר אנדערע ארימעלייט, דאס הייסט אז ווען ס'קומט צו מצות צדקה, [15] קומען ארימעלייט (פאר אפילו די אידן וואס לערנען) קרובים פאר אלעס. און די סדר פון קרובים שטייט קלאר (אין שו"ע יו"ד רנ"א סעי' ג') קודם קומט א טאטע-מאמע! אין הכי נמי דער ש"ך און סק"ה ברענגט א רמ"א פון הלכות כיבוד אב ואם (סימן ר"מ סעיף ה), ומ"מ אם ידו משגת תבא מארה, למי שמפרנס אביו ממעות צדקה שלו - מ'רעד דאך טאמער איינער אליינס איז נישט דער גרעסטער עושר, ער האט קוים פאר זיך!

נאכדעם קומט זיינע קינדער פון העכער 6 יאר (ש"ך סק"ד), וואס להלכה איז ער שוין נישט מחיוב צי שפייזן, אין זיינע קינדער איז נכלל, איידימער, שנירן, אייניקלעך. [16]

נאכדעם קומט ברודער/שוועסטער'ס, נאך דעם די ווייב'ס ברודער/שוועסטער'ס.

נאכדעם אנדערע קרובים, אזוי ווי נעפיו'ס, ניסע"ס, נאך דעם פעטער'ס מומע'ס/קאזענ'ס.

בסך הכל קומט ארויס אז קרובים קומען פאר סתם עניים..

נאך די קרובים קומט אויפן סדר פונעם שו"ע "עניי עירך"! היינט אז אין יעדע שטאט איז דא אסאך קהילות קומט די אייגענע קהילה פאר א צווייטע קהילה, [17] און אפילו פאר דיין קהילה פון א צווייטע שטאט וואס איז דאך איין קהילה. [18]

אויב די קרובים זענען ב"ה מסודר, זיי דארפן נישט צוקומען צי דיין געלט, איז א הידר צו געבן פאר עמילי תורה (אהבת חסד פ' י"ט ח"ב) **לשון המדרש תנחומא פר' ראה! עשר בשביל שתתעשר! עשר בשביל שלא תתחסר!**

**שאלה ט:** ס'איז דאך א באוויסטע זאך, אז מ'מעג מיט מעשר געלט טון געוויסע מצוות, איז דאס ריכטיג?

**תשובה:** ס'איז ריכטיג!

דער מקור איז פון דעם ספר מעל צדקה, וואס אלע פוסקים ברענגען צו (ש"ך סק"ג: של"ה הק' מסכת מגילה: שו"ת באר שבע סי' מ"א: דרישה סק"א, טו"ז סק"א) **אז** מקען מיט מעשר געלט אויף טון מצוות.

אבער ס'איז מיט צוויי וויכטיגע תנאים א) אויב מ'וואלט עס נישט געטון אן דעם! ב) ס'דארף זיין פאר א רבים, נישט בלויז א מצוה וואס מ'טוט פאר זיך אליינס. [19]

נאך א וויכטיגע נקודה! ס'איז דא אן הלכה ידוע (דער מקור איז א גמרא מסכת ביצה י"ט:) כל דבר שבחובה אינו בא אלא מן החולין - א זאך וואס מ'איז נישט מחיוב צו טון, קען עס נישט קומען נאר פון חולין.

מען רעדט דארט פון א קרבן חגיגה וואס יעדער איד האט געדארפט ברענגען בזמן שבית המקדש היה קיים, האט ער עס נישט געקענט ברענגען מיט מעשר שני געלט, ווייל א זאך וואס מ'איז מחיוב צי טון קען מען נישט טון מיט מעשר געלט.

און אלע פוסקים ברענגען דעם דין לגבי מעשר געלט [20] היינטיגע צייטן אויך לגבי "מעשר כספים", אז אזאך וואס מ'איז מחיוב צו טון קען מען עס נישט טון מיט "מעשר געלט". נ.ב. מ'רעדט נישט יעצט פון איינער וואס ער האט נישט קיין געלט - אדער ער איז א בעל חוב, אויף אן אופן וואס ער איז אינגאנצן פטור פון מעשר, דעמאלט אוודאי מעג ער טון יעדע סארט מצוה, ווייל ער איז דאך פטור פון מעשר לגמרי - נאר מ'רעד פון איינער וואס ער קומט ב"ה דורך די וואך, די חודש, די יאר, אויף אן אופן וואס ער איז מחויב מיט מעשר, וואס זאל/מעג ער טון מיט די מעות מעשר.

די זעלבע הלכה איז ביי אייגענע חיוב וואס מ'האט זיך אליינס געמאכט, דאס הייסט אז איינער האט צוגעזאגט פאר צדקה א סכום געלט, למשל $100, נאך דעם כאפט ער זיך איך קען דאך עס געבן פון "מעשר געלט", קען מען עס נישט געבן פון מעות מעשר [21] ווייל ס'איז א חיוב יעצט, און מיר האבן דאך די כלל **כל דבר שבחובה אינו בא אלא מן החולין!**

**קומענדיגע וואך וועלן מיר ווייטער ממשיך זיין מיטן אייבערשטנ'ס הילף**

## מקורות והערות

15 ) עי' בספ' אהבת חסד ח"ב פ' י"ט הגהה שם, דבימינו מקיימים מצות צדקה ע"י נתינת מעשר - ע"ש עוד - עי' בספ' ווי העמודים (להג' ר' שפטיל, בן השל"ה הק' פ' ט"ו או' כ"ח, וכן ביוסף אומץ פ' הצדקה והמעשר, דכ', דנכון ראי' להוסיף ותת צדקה, גם שלא ממעות מעשר

16 ) שו"ת מהר"ם מינ"ץ סי' ס"ה, עי' בליון מהרש"א בשם תשו' חוט השני סי' ח:

17 ) שו"ת הרא"ם ח"א סי' י"ג הובא בשיירי הנה"ג הג' הטור אות ג'. 18 ) שערי צדק פ"ז סקס"ט. 19 ) כן הוא הלשון של מהר"ם מץ שכל גדולי הפוסקים מביאים אותו וזה"ל, כ' בדרישה בשם מוהר"ם מץ שמותר ליתן מן המעשר להות ברית או להכניס חתן לחופה או לקנות בו ספרים ללמוד בהם, ולהשאילן לאחרים ללמוד בהם, אם לא היה יכולת בידו ולא היה עושה המצוה עכ"ל בטו"ז בש"ך

20 ) תשובת מהרי"ל סי' נ"ו אות ז': מטה משה סי' תתרט"ו: של"ה הק' מסכת מגילה אות ד', טו"ז סק"ג מג"א סי' תרצ"ד סק"א, הו"ד במשנ"ב סק"ג לגבי מצות מתנות לאביונים - בפורים

21 ) שו"ת אאז"ק החתם סופר זצוק"ל שו"ת יו"ד סי' רל"א - אורח מישור או' א: - וכן יוצא מטו"ז סק"א.

פאר די בעלב׳ע שטוב

# וויפיל קאסט א פארקינג טיקעט?

ל. וועבערמאן




**ערב פסח'דיגע פיר קשיות**
ש. טראכטער

**פון קינדער קען מען נישט באהאלטן**
ג. פעקעטע

**טאג טעגליכע Marathon**
ש. ל. פליישמאן

# ווארעמע בּרעסטן



*אין קורצן פון פריער: הבחור יהודה לייב מייזליק ז"ל האט חתונה געהאט מיט זיין ברודער'ס טאכטער בילא און זיך באזעצט אין שטעט מאזיר. נאכן באפרייט ווערן פון א קאלכאז איז ער געווארן א סטאלער כדי צו קענען היטן שבת. ער האט געגרונדעט לובא'ס סטאלעריי וואס איז אין פאקט געווען אן אונטער-ערדישע ישיבה. א אידישע קמיוניסט איז געקומען געבן א טיקעט נאכן אויסגעפונען פונעם ישיבה, מרת מייזליק האט אים פארגעהאלטן.*

*און יעצט לייענט ווייטער:*

דאס אידישע פינק האט זיך ערוועקט אינעם באאמטער און ער האט טאקע צעריסן דעם דעקרעט. ער האט דאן געמורמלט אן אנטשולדיגונג און איז ארויס. אבער נישט אויף צו לאנג. עטליכע טעג דערויף האט ער זיך צוריקגעקערט, דאסמאל אויפ'ן וועג צו תשובה. ער איז געקומען לערנען די תורה וואס ער האט מקבל געווען ביים בארג סיני און איז געווארן א בעל תשובה גמור.

אלץ א תשובת המשקל פלעגט ער קומען און ווארענען פאר ר' יעקב און ר' יהודה לייב ווען מען האט געפלאנט אן איבערפאל און געברענגט אינפארמאציע פון "אינעוויינ'ג" און אזוי ארום האט די ישיבה געקענט אנגיין רואיג פאר א לאנגע צייט.

בתי' האט אפגעראטעוועט די מצב מיט א שטארקע אמונה, און דאס איז וואס דער הייליגער רבי האט געוואלט אז זיינע לייט זאלן האבן אזא אמונה ווי "פרויען" און פשוט'ע לייט.

בתי' ע"ה דערציילט אז דאס האט זי גענומען פון איר מאמע ע"ה, וואס איר לעבן איז געווען איין שטיק התבודדות ותפילה. פון אירע פריעסטע זכרונות פון איר מאמע איז דאס אז אירע ליפן האבן זיך כסדר געשאקלט. בתי' ע"ה דערציילט אז אויף די עלטערע יארן ווען איר מוטער איז שוין געווען אפגעשוואכט, פלעגט איר בתי' באזוכן אפאר



07

## ש. טראכטער

מאל אין טאג. יעדעס מאל וואס זי איז אריין צו איר מאמע אין צומער האט איר מאמע געהאלטן אינמיטן א "שמועס" מיט'ן אייבערשטן. בתי' האט זיך אויסגעדרוקט, "מיין מאמע האט גערעדט צום באשעפער אזויווי מען רעדט צו א גוטן פריינט."

די ימים נוראים פון תרצ"ב זענען אנגעקומען. ר' יעקב און ר' יהודה לייב האבן אנגעהויבן זארגן וועגן א סוכה. עס זענען געווען מצוות וואס מען האט געקענט טון באהאלטענערהייט, אבער די מצוה פון סוכה איז געווען א מצוה וואס מען האט נישט געקענט באהאלטן. דאס האט אבער נישט אפגעהאלטן ר' יעקב און ר' יהודה לייב פון טון די מצוה, זיי האבן נאר געזוכט א וועג וואס האט זיי ערמעגליכט דאס צו טון.

גלייך פאר יום טוב האט ר' יעקב אויפגעשטעלט א סוכה אין זיין אונטערשטע הויף פארדעקט און פארשטעקט פון בייזע אויגן.

יענע יאר סוכות איז ר' אליהו חיים ראזען ז"ל געקומען אנטייל נעמען אין זייער יום טוב. ר' אליהו חיים האט געוואוינט אין אומאן נעבן ציון פון דעם הייליגן רבי'ן. אומאן איז געווען א ווייטע מהלך פון הונדערט און דרייסיג מייל פון וואו ר' יעקב האט געוואוינט.

ר' אליהו חיים האט אונטערגענומען די רייזע צוליב דעם וואס אין די געגנט פון אומאן איז דאן די רעגירונג געווען זייער שטרענג אויף "רעליגיעזע פארבאט", און עס איז ממש נישט געווען מעגליך צו בויען דארט א סוכה. ר' יעקב האט אים געהאט איינגעמאלדן אז אין די געגנט פון קיעוו איז דערווייל נישט אזוי שטרענג מיט אידישקייט, דעריבער איז ער געקומען צו פארן כדי צו קענען מקיים זיין מצוות סוכה.

אין די ערשטע נאכט סוכות איז ר' יעקב געזעצן מיט ר' אליהו חיים בצילא דמהימנותא און זיך געפריידט פשוט מיט דעם אז זיי זענען זוכה צו זיצן אין א סוכה.

פלוצלינג האט אריינגעשטורעמט פאליציי און מיט רציחה צעפליקט די סוכה. זיי האבן גענומען די צוויי מסירת נפש אידן און זיי אפגעפירט אין תפיסה. מיט גרויס חסדים האט מען זיי נישט פארשיקט קיין סיביר. זיי זענען געזעצן פארשפארט אין תפיסה ביז נאך יום טוב.

יארן שפעטער פלעגט ר' יעקב דערציילן אז זיי האבן זיך מחי' געוועהן אין תפיסה מיט דעם אז זיי האבן כאטש געקענט פארברענגען איין נאכט אין א כשר'ע סוכה.

מיט אט די שמחה של מצוה זענען די אידן אנגעגאנען אונטער די שווערסטע אומשטענדן און זיך געקריגט קעגן די קאמיוניסטן. זיי האבן זיך געפריידט מיט וואס זיי האבן יא זוכה געווען צו טון און זיך געפריידט מיט'ן שלא עשנו גוי.

עס איז אינטערעסאנט אנצומערקן א בריוו וואס דער ראש ישיבה שרייבט פונקט א יאר צוריק - פרשת ויקרא תשפ"ד - בנוגע שמחה: מיט שמחה וועסטו באזיגן דיינע שווערע נסיונות, שמחה איז דער סוד וויאזוי מען איז מצליח.

יעצט קען מען זען ביי די מלחמה פון אוקריינא מיט רוסלאנד, דער רוס איז דאך שטערקער ווי דער אוקריינער, אלע האבן געזאגט פאראויס עס וועט נעמען צוויי דריי טעג ביז ער וועט איינעמען אוקריינא, מען זעט אבער ווי דער אוקריינער שלאגט צוריק, עס איז נישט אזוי גרינג פאר'ן רוס איינצונעמען, ווייל זייער פירער שטארקט זיי, ער מאכט פריילעך זיינע סאלדאטן און זיינע בירגער - דאס געבט זיי כח צו קענען צוריק שלאגן.

מוהרא"ש ברענגט אז אזוי איז געווען ביי נאפאליאן, ער האט געהאט גרויסע נצחונות; האבן צדיקים געזאגט, נאר ווייל ער האט אריינגעברענגט אין די סאלדאטן שמחה, ער האט געברענגט מוזיק ביי די פראנט, ביי די שלאכטן - דאס האט זיי געגעבן כח. דאס דארף אונז לערנען מיר זאלן זיין פריילעך, זיך פרייען מיט'ן אייבערשטן, זיך פרייען מיט "שלא עשני גוי", זיך פרייען מיט יעדע נקודה טובה וואס מיר טוען. עד כאן!

מיט די צייט איז די דרוק פון די קאמיוניסטן געווארן שטערקער און זיי האבן אנגעהויבן ארויפקומען אויף די שפירן פון די אונטערערדישע ישיבה.

איין טאג האט די קעי. זשי. בי. אריינגעשטורעמט אין די געשעפט און גלייך צוגעגאנגען צו ר' יעקב און אים ארעסטירט. מיט גרויסע ניסים האבן זיך די "ארבעטער" ארויסגעשמוגעלט באצייטנס אבער ר' יעקב איז געכאפט געווארן און איז אריינגעשליידערט געווארן אין תפיסה.

*ליינט קומענדיגע וואך ווייטער אי"ה*

ש. טראכטער



# ערב פסח'דיגע פיר קשיות

הרב דוד'ל בלייכער הי"ד איז געווען דער ראש ישיבה אין איין פון די נאוואהרידקער ישיבות פאר'ן קריג. חוץ וואס האט ערפילט די רוחניות'דיגע געברויכן פון זיינע תלמידים, האט ער אויך געזארגט פאר זייערע גשמיות'דיגע געברויכן און גענומען די גאנצע פינאנציעלע לאסט אויף זיינע פלייצעס.

פיל פון די בחורים פון ישיבה האבן נישט געהאט קיין געלט אהיימצופארן אויף פסח, אזוי אז אינמיטן ווינטער האט ר' דוד'ל גענומען די וואנדער שטעקן און ארומגערייזט צווישן גוטע אידן און געשטרעקט די האנט אויף צרכי החג פון די תלמידים פון ישיבה.

עס איז אריבער די פראסטיגע טבת און שבט, דאן אדר און ענדליך האט זיך ר' דוד'ל צוריק געזען אין שטאט על מי מנוחות מיט די נויטיגע סכום צו דעקן מצות און וויין פאר די תלמידים.

ר' דוד'ל האט איינגעהאנדלט די שמורה מעל פון וועלכע ער האט געהאט אין פלאן צו מאכן די מצות נאך פורים. די טייערע זעק מעל האט ער ארויפגעלייגט אין א טריקענע שטוב אין בוידעם אפגעהיטן.

יענע יאר האט אבער אויסגעבראכן א שטארקע שטורעם איבער'ן שטעטל אפאר טעג נאך פורים. אפאר טעג האט געהאגלט און גערעגנט און נישט נאכגעלאזט. די שווערע רעגנס האבן פאראורזאכט גרויסע שאדן איבער'ן שטעטל, אבער די עיקר פארלוסט איז געווען אז די דאך פון בוידעם ווי די מעל איז געווען באהאלטן איז איינגעפאלן און געווארן אדורכגעווייקט אינאיינעם מיט די טייערע זעקל מעל וואס איז דארט געווען באהאלטן.

ווען די נייעס האט זיך פארשפרייט צווישן די בחורים איז געווארן א רעש, אלע האבן געוואוסט וויפיל דער ראש ישיבה האט זיך אוועקגעגעבן צו קלייבן נדבות פאר די מצות, וואספארא מסירת נפש, כח און צייט דאס האט אים אפגעקאסט, זיי זענען געווען זיכער אז

דער ראש ישיבה וועט זיין זייער צובראכן דערפון.

צו זייער איבערראשונג איז אבער ר' דוד'ל אריינגעקומען אין בית המדרש זייער רואיג, פרייליך און אויפגעלייגט. די תלמידים האבן זיך געקלאמערט ארום זייער מורה דרך ווארטנדיג צו הערן וואס ער האט צו זאגן.

ר' דוד'ל דרייט זיך אויס צו זיינע תלמידים און זאגט זיי: "פסח אויפדערנאכט פרעגט מען פיר קשיות, איך וויל אייך שוין היינט פרעגן פיר קשיות.

די ערשטע קשיא איז" האט ר' דוד'ל געפרעגט מיט'ן באקאנטן נוסח: "ווער האט אונז באפוילן די מצוה פון מצה?"

די בחורים האבן אלע געענטפערט אינאיינעם: "דער אייבערשטער."

"די צווייטע קשיא איז" פרעגט ר' דוד'ל ווייטער, "ווער האט מיר ערמעגליכט צוזאמצונעמען די נדבות צו קויפן די מעל?"

ווידער ענטפערן די תלמידים: "דער אייבערשטער."

דער ראש ישיבה לאזט נישט נאך: "די דריטע קשיא איז... ווער האט געשיקט די שטורעם וואס האט נאס געמאכט די מעל?"

ווידער האבן די תלמידים געענטפערט: "יא ראש ישיבה, אויך דער אייבערשטער."

די פערטע קשיא איז: "פון וואו וועלן מיר האבן מצות אויף פסח?"

דער ראש ישיבה האט אליינס פארענדיגט: "פון דעם אייבערשטער..."

"מיר פארשטייען." האבן די תלמידים געזאגט, "אלעס איז דער אייבערשטן."

די מעשה האט א שיינע סוף, וואס איך וועל אייך דערציילן. אבער אויך אזוי, אן א סוף איז די מעשה א שיינע אויפוואכונג צו אלעס וואס מיר ווייסן און הערן כסדר, נאך א דערמאנונג אז אלעס אלעס איז דער אייבערשטער.

וואויל איז דעם וואס לעבט מיט די פיר קשיות, נישט נאר פסח ביים סדר.

פארוועם ארבעט איך? פאר וועמען הארעווע איך? ווער האט מיר געגעבן די שידוך, קינדער, פרנסה, נאטורן, הויז, געזונט צושטאנד, ועוד ועוד? דער אייבערשטער!

איר ווילט אבער געוויס יא הערן די סוף פון די מעשה. צום סוף איז אנגעקומען אפאר טעג פאר פסח אן ענוועלאפ פון א גביר פון אויסלאנד וואס האט ענטהאלטן א סכום פיל גרעסער ווי דאס וואס ר' דוד'ל האט צוזאמגעשטעלט, און האט געקלעקט פאר אלע צרכי החג און אויך אויף שפעטער.

דאס דערמאנט מיר פון די אנאנימע בריוו און טשעקלעך וואס דער ראש ישיבה שליט"א באקומט פון צייט צו צייט פאר די מוסדות.

אז מיר האבן שכל און פארמאכן נישט די אויגן קענען מיר זוכה זיין צו זען יעדן טאג אפענע חסדים, אפענע נסים, טשעקלעך גלייך פון הימל, טויזענטער חסדים, א גלעט פון אונזער גרויסן זיסן טאטן וואס זאגט אונז איינמאל און ווידעראמאל, "טאכטער מיין, איך בין אונטער אלעס."

אן אויבער חכם האט אמאל געפרעגט, "זייער שיין צו מאכן פון יעדע זאך א מעשה פון תפילה, אבער לאמיר דיר פרעגן אויפריכטיג, אויב, צום ביישפיל, דו בעטסט דעם באשעפער אז די ארדער זאל אנקומען און א מינוט דערויף איז די ארדער דא, די ארדער האט ממילא געדארפט אנקומען, וואס האט מען פון בעטן?"

א נארישע שאלה. קודם כל, ניין, די ארדער וואלט נישט זיכער אנגעקומען, צענדליגער זאכן וואלטן געקענט פאסירן אין די לעצטע מינוט, די עלעוועיטער, אדער די טראק קען ווערן סטאק, די באקסעס טראסקען אראפ, די בעל הבית רופט אים צוריק די לעצטע מינוט מיט אן עמערזשענסי וכו' וכו'...

אבער לאמיר שוין לאזן דאס אלעס אין א זייט. דו פרעגסט מיר וואס איך האב פארדינט? איך האב פארדינט נאך א קניפ אין מיין קשר מיט'ן אייבערשטן, נאך אן ענטפער צו די פיר קשיות אז דער אייבערשטער פירט אלעס און "לו לבדו ראוי להתפלל" נאר צו אים איז ווערד צו בעטן...

איך האב פארדינט די זיסטע געפיל אין די וועלט, וואס איך וויל פאר קיין געלט נישט דערלייגן. א שטופ אינעם טאג אויף ווייטער אז באלד ווען די מעל וועט נאס ווערן - אדער אנדערע זאכן וועלן מיר גיין שלא כסדר זאל איך געדענקען אז "אלעס איז דער אייבערשטער."

מיין שוועסטער האט אמאל געהערט ווי איך דרוק זיך אויס, "באשעפער, איך וויל פארלירן וואג" זאגט זי מיר מיט שאק "דאס בעטסטו פונעם אייבערשטן?" פרעג איך איר צוריק מיט שאק: "פון וועמען דען זאל איך עס בעטן, פון דיר?"

מען דערציילט פונעם הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע אז די תלמידים האבן אמאל געהערט ווי ער בעט זיך ביים באשעפער אז זיין ווייב זאל טרעפן א גוטע דינסט מיידל, די תלמידים האבן אים געפרעגט דערוועגן, אז אויב אפילו אויף אזעלכע קלייניגקייטן זאל מען בעטן ביים באשעפער? האט ר' אלימלך נישט פארשטאנען די שאלה, פון וועמען דען זאל מען דאס בעטן?

אויב דער אייבערשטער איז אלעס און אלעס איז דער אייבערשטער, איז דאך א פשטות אז אלעס דערציילט מען אים און אלעס בעט מען אים.

דורכאויס די טאג מאכן זיך טויזענטער געלעגנהייטן פון 'מעשיות פון תפילה' אדער מעשיות פון 'דביקות ה'' אויב דו האסט בעסער ליב א הויכע שפראך.

ווייל דער רבי זאגט דאך "העיקר התחברות ודביקות השי"ת היא על ידי התפילה..."

איך האב א שיינע מעשה פון תפילה...

איך האב געוואלט שרייבן אן ארטיקל פאר די טייערע פרויען פון די בלעטל, אביסל זיך מחזק זיין מיט אונזערע אוצרות וואס מיר האבן, אויפפרישן אונזער "אשרינו מה טוב חלקינו", און שכח אייבערשטער עס איז ארויסגעקומען א שיינע ארטיקל.




# מ'גייט מאכן סדר!

| | |
|---|---|
| זכות משפחה גדולה<br>$3,600 | זכות משפחה קטנה<br>$1,800 |

נעמט א חלק 845.637.5367

מיט אייער הילף וועלן מיר בעזהשי"ת קענען טיילן פאר אנשי שלומינו א פערטל מיליאן דאללער!

*sruliHeskel

# פלייש
# פיש
# אייער
# וויין
# עפל
# קארטאפל
# צוויבל

מיט אייער הילף וועלן מיר
בעזהשי"ת קענען טיילן
פאר אנשי שלומינו א
פערטל מיליאן דאללער!

| זכות משפחה גדולה | זכות משפחה קטנה |
| --- | --- |
| $3,600 | $1,800 |

נעמט א חלק 845.637.5367

מ'מאכט ברייט סדר!

*sruliHeskel




# LOOK! WE'RE OPEN

**OPEN MONDAY & THURSDAY, 12-5**

CARING FOR ALL YOUR
OPTICAL NEEDS, ALL YEAR ROUND.

EYE DOCTOR
ALL YEAR ROUND

845.482.9394 | REFUAHHEALTH.ORG
36 LAUREL AVE. SOUTH FALLSBURG, NY 12779

OPTICAL AT
RefuahHealth

1885 NY-52 LIBERTY, NY 12754 | 845.482.5008

ג. פעקעטע




# א ברעדיגע לעקציע

עס איז דא אן ענין וואס הייסט בעזים - זאגט דער ראש ישיבה אלץ - מען דארף עס נאר נעמען אין די האנט אריין און עס אנהייבן ניצן. איך מיין עס איז שוין העכסט צייט צו נעמען די בעזים און אריינשפרינגען אין די אמת'ע פסח רוימען.

איך האב זיך איינגעהאנדלט א באטל well done - st. moritz (סענט מאריץ). וויסנדיג די שטארקייט און די שעדליכקייט פון די זייף האב איך עס געוואלט גוט באהאלטן.

מיט יארן צוריק איז מיין מאמע געזעצן אין שפיטאל א וואך צייט מיט צוויי קליינע קינדערלעך אין די ICU אפטיילונג. צוליב א שטארקע ערשטע דעגרי ברי.

געווען איז עס ערב פסח ווען מען האט געוואלט שפיגלען די טעפ איינמאל פאר אלעמאל, ארויסנעמען די אלטע אנגעקלעפטע שמוץ, און מאכן די טעפ שיינען ווי ניי. זי האט געקויפט א באטל well done - st. moritz (סענט מאריץ - וועל דאן זייף), מען דארף אנשפריצן די טאפ, עס לאזן אביסל זיצן און נאכדעם קומט עס אויס גלאנציג שיין, און גרינגערהייט קען מען אפווישן אלע פארקלעפטע שמוץ און פלעקן.

נאכן ניצן האט זי עס גוט אוועקגעלייגט, באהאלטן אין א שאפע הויעך אין א שאנק, אויך געמאכט זיכער אז די שלאס - וואס קומט אויף די קעפל - איז צוגעמאכט. אבער מיט קליינע קינדער קען נאר דער אייבערשטער געגנוג היטן און האלטן אן אויג, אז עס זאל גארנישט פאסירן; ווייל געזונטע קינדער האבן ליב אלעס

צו אנכאפן און זען, און אוודאי אויספרובירן.

האט זיך געמאכט איין נאכמיטאג, איינע פון די צוויי קליינע קינדערלעך, מפני כבוד המשפחה וועל איך נישט זאגן זייער עכטע נאמען, ווייל עס איז אמת'דיג (אום)פאסיג פאר א געזונט קינד זיך אזוי אויפצופירן... איך וויל נישט ס'זאל זיי שאטן ווען זיי דארפן טון שידוכים פאר זייערע קינדער און אייניקלעך. אבער לאמיר זיי אנרופן בתי' מיט רעכי.

אלס די גרויסע מיידל פון דריי יאר אלט, האט בתי' גענומען די שטארקייט די מעגליכקייט און רשות אלס גרויסע שוועסטער ארויפצוקריכן אויף די קאונטער, עפענען די אויבערשטע שאפע, ניצן די דריי שעלפס אלס א לייטער און געקראכן גאר הויעך, ביז איר האנט איז אנגעקומען העכער די שאפע, און זי האט געפילט דארט אן אוצר. מיט וואונדער נעמט זי עס ארויס, און קלערט צו זיך אז זי איז דאך די גרויסע מיידל, זי איז שוין גאנצע דריי פינגערס גרויס, און זי גייט יעצט העלפן רוימען לכבוד פסח.

זי נעמט די באטל, און ווייזט פאר איר קליינע אומבאהאלפענע שוועסטער, פון בלויז א יאר אהאלב, ווי מעכטיג זי איז, און זי קען שוין רייניגן אויף יום טוב. זי פרובירט די באטל אהין אהער, ארויף אראפ, און ס'געלונגט איר! ענדליך ווישט זי ארויס א שפריץ צוויי דריי, אבער זייער שנעל האט נאכגעפאלגט א קוויטש, צוויי דריי.

מיין מאמע איז געקומען צו לויפן אין אן אויגנבליק, און געזען וואס האט דא פאסירט. אלס מיט איר קאפ אויפן פלאץ האט זי גלייך גערופן הצלה, באמערקנדיג די סצענע, אז לכאורה איז ארויף א שפריץ אויף די קערפער פון די צוויי קינדערלעך.

מען האט שנעל פרובירט אפצוואשן און אפצושווענקען און אויסגעפונען פונקטליך וואס האט דא פאסירט, אבער צופיל צייט איז נישט געווען, ווייל דאס איז געווען א ערשטע דעגרי - א שטארקע ברי. הצלה האט זיי שנעל אריינגעפירט אין שפיטאל. מיט בליטשקעדיגע לעמפלעך און שרייענדיגע קולות זענען זיי דורך געפלויגן אלע לייטס, אלע גאסן, ביזן אנקומען אין די שפיטאל וואס צייכנט זיך אויס אויף בריען, און זיי האבן א ספעציעלע גוטע טיעם וואס ארבעט אין די בריען אפטיילונג.

מען האט איינגעשריבן די צוויי פיצלעך אין די ICU - אין די עמערדשענסי רום, און זיך שנעל גענומען צו די עבודה פון פרובירן אז עס זאל נישט זיין קיין אייביגע שאדן, לייכטער צו מאכן די וואונדן, און אויסשווענקען וואס מער פון די העכסט שעדליכע זייף.

אן נוצן צופיל ווערטער האבן אלע פארשטאנען אז עס איז געווען א גרויסע געפאר, און מען האט געדארפט אסאך תפילות אז עס זאל זיך אויסלאזן גוט. א וואך צייט זענען מיינע עלטערן געשטאנען אין שפיטאל מיט די צוויי קליינע קינדער, וואו מען האט פרובירט די מערסטע וואס מעגליך צו ערהוילן די שטארקע שעדליכע בריען.

אויף די גרויסע בתי', וואס זי האט דאך נאר געניצט די שפריץ צו שפריצן, איז געווען א טראפעלע לייכטער, ווייל די ברי איז געווען בלויז אויף איר קאפ און האר, וואו ס'האט ארויסגעשפריצט אפאר טראפנ'ס פון די שעדליכע שפריץ. אבער איר יונגערע שוועסטער רעכי, וואס איז געווען די ציל פון איר שפריצעריי, איז געווען אין זייער א שווערע צושטאנד, ס'האט אריינגעשפריצט אין איר אויג, און די אויג איז זייער א הייקעלע אבר.

איז מען געשטאנען שעה'ן נאכאנאנד, אפאר נורסעס צוזאמען, וואס האבן געדארפט אנכאפן דאס קינד הענט און פיס, האלטן די אויג אפן, עס זאל חס ושלום נישט איינזאפן פון די שעדליכע זייף. מען האט עס געשווענקט מיט וואסער שעה'ן אויף שעה'ן, צו אפהיטן פון בלינדקייט.

אסאך תפילות האט מען געבעטן און טרערן האט מען פארגאסן אז די אויג זאל קענען געראטעוועט ווערן, דערווייל האט מען פארנאכלעסיגט פון באמערקן אז זי האט אויך געכאפט נאך אפאר שפריצן אויף אנדערע חלקים פון איר קערפער. שפעטער האט מען יענץ אויך באמערקט און אנגעהויבן שמירן און באנדאזשירן יענע ערטער פון די ברי.

אזוי איז אריבער א שווערע וואך, אסאך אסאך תפילות, א ברכה פון מוהרא"ש, און ס'איז געשען גרויסע גרויסע ניסים. ביידע קינדער זענען געווארן באפרייט געזונט - נאר מיט א שטארקע ברי, וואס האט גענומען א וויילע זיך צו ערהוילן.

ווי גליקליך זענען זיי געווען ארויסצוגיין, צוויי געזונטע קינדער, מיט בלויז א קליינע ברי. אויף די עלטערע בתי' איז געבליבן א bald spot - א ליידיגן ארט אויף איר קאפ, וואס קען מער נישט וואקסן קיין האר, אבער מען האט נאר געדאנקט אויף דעם, ווייל עס איז געווען א חסד אז נאר אויף א קליינע שטיקל פון קאפ וואקסט נישט קיין האר. נאך אביסל וועט זי חתונה האבן, זיך אפשערן, צודעקן די קאפ... נו, איז נישט געפערליך,

מען דארף נאר אויסווארטן די פאר יאר. אויף די יונגערע האט מען אזוי געדאנקט דעם אייבערשטן אז רעכי קען זען מיט איר צוויי אויגן.

יעצט ווען איך האב זיך איינגעהאנדלט די באטל סענט מאריץ - וויסנדיג די הארבקייט און די שעדליכקייט פון די זייף - האב איך זיך גוט באווארנט. איך האב עס איינגעוויקלט אין א זעקל, און עס פרובירט לייגן אויף די העכסטע, פארשטופסטע, ווייטסטע שאפע אין מיין הויז, אז איך וועל עס נאר ניצן די איין מאל ווען איך וויל אויסגלאנצן מיינע טעפ, און עס גלייך דערנאך ארויסווארפן פון שטוב, ווייל איך וויל נישט האלטן די שעדליכע זייף ביי מיר אינדערהיים.

מיט א קורצע תפילה אויף מיינע ליפן נעם איך די זייף, איך פרוביר עס ארויפווארפן הויעך הויעך, אין די טיפעניש פון די באהאלטענע שאפע, אז מען זאל נישט קענען האבן קיין צוטריט דערצו. דער אייבערשטער האט מיר אזוי ליב געהאט, און מיר געוואלט אפהיטן פון סכנה, אז בשעת'ן עס ארויפווארפן האט עס געגעבן א טראסקע אראפ אויף די ערד הארט נעבן מיין פיס, און ס'האט אויפגעפלאצט און אנגעהויבן רינען..

מיין קליינע בעיבי איז געשטאנען נעבן מיר, איך האב אים שנעל געגעבן א הייב אויף, א שפאר איין ערגעץ וואו, און אנגעהויבן דאנקען דעם אייבערשטן אז עס איז נישט געגאנגען אויף מיין קינד, און אויך נישט אויף מיר. איך האב קלאר געזען אז א סכנה ברענגט מען נישט אריין ביי זיך אין שטוב!!! ס'איז נישט ווערד די טשענס! עס לוינט זיך ענדערש צו האבן א פארקלעפטע שטיקל שמוץ אויף א טאפ - מען זאל זיך נישט קענען שפיגלען אין די טאפ פאר'ן ארויסגיין - ווי איידער איין ברי כאפן פון די שעדליכע זייף.

טייערע אידישע מאמע, אין הימל ביסטו טייער.

טייערע אידישע מאמע, די ארבעט לוינט זיך זייער.

בעט דעם באשעפער עס זאל דיר ווערן גרינגער.

בעט דעם באשעפער נחת, און א וועג מיט די קינדער.

ס'לוינט נישט צו האלטן אין הויז סיי וואס ס'איז א סכנה פאר דיינע קינדער, פאר דיינע נשמות. מען קען זיך נישט איינרעדן אז כ'וועל עס גוט באהאלטן, אז די קינדער וועלן נישט האבן קיין צוטריט צו די באהאלטענע כלים, וואס איך נוץ נאר פאר מיר באהאלטענערהייט ווען קיינער זעט נישט. מען קען זיך נישט באהאלטן מיט ביכער, מיט צייטונגען, מאוויס, קאמעדיס, הכשרים, מיט סיי וועלכע זאך דו שפירסט געגנוג שטארק ביי זיך אז עס וועט דיר נישט שאטן אין לעבן, אבער פאר דיינע קינדער ווילסטו אוודאי נאר די בעסטע..

דו פרובירסט עס גוט גוט אויסצובאהאלטן זיי זאלן נישט האבן קיין צוטריט דערצו, אבער די מציאות ווייזט זיך אויס, אז דו נעמסט עס אריין ביי דיר, וועט עס ערגעץ ווי ווערן געלופטערט אין דיין שטוב.

מיט וואס פילסטו זיך אן? ווען דו כאפסט אמאל א שווערע מינוט, וואס וועט ארויספליען פון דיין מויל? וועלכע ווארט איז דיין פירסט אינסטינק - דיין ערשטע רעאקציע? וואס טוסטו ווען עפעס גייט נישט ווי אזוי דו ווילסט? די זאכן קען מען נישט באהאלטן, אזוי ווי עס שטייט שוין אין פרק "כל המחלל שם שמים בסתר, נפרעין ממנו בגלוי" - מיט אן עבירה קען מען זיך נישט באהאלטן. און אפילו מען רופט עס נישט אן עבירה, אבער זאכן וואס זענען קעגן די אמונה, און זאכן וואס געבן נישט צו אויפצובויען מיין אמונה, מיין שמחה, מיין תפילה - און העלפן מיר נישט צו האבן א שענערע, בעסערע שלום בית און מהלך אין חינוך - דארף איך נישט.

דאס קען מען באקומען נאר פון אן אמת'ן צדיק, נישט פון וואס סיי וועלכע פרויען אדער רעדנערינס אדער טערעפיסטן שטעלן ארויס אז דאס איז די וועג; ווייל 'די טערעפיסט אליין, שרעקט זיך אויך ווען ער איז אליין אינדערהיים'. די אמת האט זיך שוין ארויסגעוויזן אז זיי זענען נישט קיין הילף, נאר פארקערט מאכן אן חרבונות.

לאמיר אריינעמען ביי זיך אין שטוב נאר ריינע, פסח'דיגע זאכן, וואס זענען געשטאפט מיט אמונה, וואס לערנט אונז אויס די לימוד פון פה-סח - פון א מויל וואס רעדט און בעט יעדע זאך נאר פון דער אייבערשטער..

רבי נתן האט געזאגט "א בליק ווייניגער - א ברי ווייניגער" אפילו צומאל שפירסטו you're missing out in life דו פארפאסט עפעס אין לעבן אויב דו וועסט נישט מיטהאלטן יענעמ'ס בלאג, אדער דו וועסט נישט מיטהאלטן יעדע נייעס אדער קליפ וואס איינער שטעלט ארויס, בלייבט אבער סוף כל סוף אז נאר אויב דו וועסט טון וואס אונזערע עלטערן האבן געטון, פאלגן און נאכגיין אן ערליכער איד, נישט אריינברענגען פרעמדע השקפות, וועט דיין שטוב זיין אסאך אסאך ריינער. עס וועט אפשפיגלען איין שטיק אייבערשטער, אזוי ווי די שפיגלען פון די נשים צדקניות פון מצרים וואס מען האט גענוצט צו בויען די כיור פאר'ן משכן.

## טאג טעגליכע MARATHON

אלט און יונג

לויפן פלינק

אן א אטעם

רויט די פנים

אלע האבן זיי אינזינען

דעם **marathon** צו געווינען...

פארשוויצטע מענטשן

לעכצן פאר אטענשן

שלינגען גאס נאך גאס

אן קיין איבעררייס

אויף די מיט **wheelchairs** באגרעניצטע

דרייען די רעדער שנעל פארשוויצטע

אויף זיי ווילן ווייזן

ווי זיי טויגן אייזן

טראץ זייער בעגרעניצונג

זענען זיי אין פולן שוואונג

"עטס קענטס" איז מען זיי מחזק

"דריי די רעדער ווייטער פלייסיג"

די צוקוקער שאלן ווען ס'קומט א שווערע בארג

"**keep going**", בלייב נאר ווייטער שטארק!!

האט דער ראש ישיבה אויף דעם געזאגט:

אידישע מאמעס לויפן פארפלאגט,

די ווירטשאפט טאג טעגליך,

קוקט אפט אויס אוממעגליך...!

וואס טוט מען אין הימל זאגן

ווען דו טוסט דעם **marathon** יאגן?

וואלטסטו נאר געהאט א מושג,

געקענט הערן א בת קול פון חיזוק...

אידישע מאמע, דו בוסט גוט,

פריש אויף, לעב אויף דיין געמיט!

גיי ווייטער טריט ביי טריט

דער אייבערשטער לויפט מיט דיר מיט!!!!

ל. וועבערמא

# וויפיל קאסט א פארקינג טיקעט?




"וואס האב איך אויפגעטוהן היינט?" איך בין שוין אריינגעפארקט אין די קאוטש פאר די לעצטע פאר שעה, מיינע פיס זענען באקוועם אויף די פיס בענקעלע. לויט די בילדער פון מיין קינדערישע מח און אפילו מיין ערוואקסענע מח, דארף יעצט שפילן פרייליכע מוזיק, עס דארף יעצט אויסקוקן ווי הויך יום טוב, ווי שמאטעס, וואסער און זייף טאנצן אין א רינג מיט די רייב בערשטלעך ווען אלע קינדער געבן צו לויט זיין יכולת וואס ער קען.

נא! פארוואס טאקע געשעט עס נישט?

אין מיין דמיון שפילט זיך אפ אלע גוטע זכרונות ווי איין קינד שטופט אריין די וועקיום קלינער אין די שפאלטן, ווען די פארשידענע הויכע טענער מישן זיך אויס אינאיינעם, בשעת איך בין טעטיג צו מאכן יעדעם פרייליך און מיטארבעטן. נאך די גאנצע איבערקערניש זעצט מען זיך צוזאמען אראפ צו א פיינע נאכטמאל וואס איך האב נאך אינצווישן אנגעיאגט ארויפצושטעלן אינמיטן אלע פרייליכע פסח רייניגן.

אבער אין רעאליטעט איז מיין פארקינג נאכנישט ליידיג געווארן, איך פארנעם נאך די פלאץ אויפן סאפע. וואס וועט דא זיין? מיט מיינע אויגן זע איך נישט קיין איין פאליציי וואס טיילט דא פארקינג טיקעטס...

אבער אינעווייניג אין מיר הער איך א שטילע קול וואס מורמלט זיך אונטער: "ביזט נישט גוט", "טוסט גארנישט", "דא וועט קיינמאל פסח ווערן".

מיינע אויגן עפנט זיך און פארמאכט זיך, ווי צו פרובירן אוועקטרייבן די גאנצע מצב מיט די געדאנקען אינאיינעם. דער אייבערשטער האט געוואלט אז פונקט יעצט זאל איך נישט האבן קיין כח, ס'איז באמת אויסגערעכנט פונקט גוט פאר מיר און מיין משפחה אז איך זאל יעצט זיין אין די מצב, "אייבערשטער העלף איך זאל איינזעהן די גוטס וואס שיינט ארויס

צווישן די איבלדיגע מאגן און מידקייט וואס שלעפט אראפ".

באמת איז די בעסטע שענסטע זאך צו נוצן די אייגענע צען פינגער צו מקיים זיין די קשר"ק. עס איז אזא גוטע צופרידענע געפיל, ווען בשעת מעשה ווערט געריניגט די הארץ און נשמה, אבער אלעס קען מען טון ווען און וויפל דער אייבערשטער וויל.

נא! וואס וויל טאקע דער אייבערשטער? ווי קען איך וויסן וואס דער אייבערשטער וויל?

מיין פיזישע און זעלישע כח איז טאקע אפגעשוואכט אויף די מינוט, אבער ווילאנג מיין מויל און מחשבה ארבייטן נאך קען איך דיקטירן אויף די אומגעוואונטשענע קול וואס קלאפט מיר אראפ. איך מורמל זיך צוריק, "דו ביסט גוט", "דו ביסט גוט", "דער אייבערשטער מאכט דיין הויז פסח'דיג נישט קיין חילוק צו לעצטע יאר ווען דו ביסט געווען אין די כלים אדער דעי יאר"

דער ראש ישיבה האט געזאגט ביי א שיעור, "א מענטש קען זיצן באקוועם אויפן קאוטש און ער האט א מצוה, ווייל אז מ'טוט נישט קיין עבירה איז עס א מצוה". ווער רעדט נאך אז דערווייל איז מען מגדל קינדער.

איך וועל נישט צופיל מאריך זיין אין די פונקטליכע איינצלהייטן ווי אזוי ס'האט אויסגעקוקט יענע פיר וואכן צווישן פורים און פסח וואס איך בין געזעצן באקוועם אויפן קאוטש. נאר אין קורצן - איך האב טיף געאטעמט אריין און ארויס און געזאגט צו זיך גוטע ווערטער, ווי שטארק דער אייבערשטער האט מיר ליב, און ווי גוט איך בין, בערך דרייסיג מאל א טאג האב איך עס געחזר'ט. די אלע זאכן האב איך געטוהן נאר נאכן איינזעהן אז דאס איז עס, דער אייבערשטער פארלאנגט יעצט פון מיר די סארט ארבייט, איך וועל זיך מכניע זיין.

יענע יאר איז געשען א לאנג ערווארטעטע מעשה פון תפילה וואס איך האב שוין געבעטן פאר דעם אפאר יאר, איך האב באקומען א נייע פסח קאך!

אנשטאט צו פילן מורא'דיג איבעראשט אזוי ווי מ'שפירט נאך אזויפיל תפילות בין איך בכלל נישט געווארן איבערגענומען, נאר ווייטער געשפירט איבעלדיג און געדאנקט דעם אייבערשטן ווייל איך ווייס אז עס איז א מתנה פאר מיר, אבער באמת שפיר איך גארנישט.

מיין מאן האט געקוקט אויף די הערליכע קליינע קאך און געזאגט מיט עקסטאז ווי שיין עס איז! איך האב אים געגלייבט אויפן ווארט, מסתמא איז עס אמת, איך וועל עס נאך אמאל איינזעהן, ביי מיר איז דא איין דאגה "באשעפער מאך א נס איך זאל קענען קאכן א טאפ טשיקן זופ, א טאפ קאמפאט און וואס נאך מ'מוז, און שוין, לאזטס מיר גיין ווייטער.

ס'איז שוין ערב. . . מ'קאכט שוין פאר פסח. . . מ'קאכט שוין פאר פסח. . . און א צייט איז א צייט. . . ס'ווערט די זמן ביי יעדע הויז, נישט קיין חילוק צו האסט געשפירט ווי א גענעראל וואס האט די אויבערהאנט, אדער ווי א פאריאגטע בין וואס לויפט נאך די טאג.

אז די סדר טיש איז שוין אנגעגרייט און די מענער אין שול מעג מען שוין

> איך האב טיף געאטעמט אריין און ארויס און געזאגט צו זיך גוטע ווערטער, ווי שטארק דער אייבערשטער האט מיר ליב, און ווי גוט איך בין, בערך דרייסיג מאל א טאג האב איך עס געחזר'ט.

לעגאל זיך באקוועם מאכן אויפן קאוטש און אפילו צודעקן מיט אזא ווייכע ווארעמע דעק, און איך לאז מיין מח פליען פריי.

מיין מח הייבט אן מאכן א שטיקל flashback - א תמצית פון די גאנצע ערב פסח צוגרייטונג און קאכן, סוף חשבון קומט אויס אז ס'געווען מיין רואיג'סטע ערב פסח. איך האב אזוי סאך געשמועסט מיט'ן אייבערשטן און נאר ווען איך בין געווען קלאר וואס צו טוהן האב איך געבעטן פאר כח צו טוהן און אזוי רואיג איין זאך אויף אמאל.

ווען ס'איז געקומען צו קאכן איז עס געגאנגען אזוי: "באשעפער א זופ! באשעפער א זופ!" און פון ערגעצוואו האט מען ארויסגערוקט א זופ. צוריק אויפן קאוטש "באשעפער אסאך אייער לאקשן! באשעפער ס'דארף דא ווערן לאקשן!" און חוץ לדרך הטבע איז ארויסגעקומען אסאך שיין געשניטענע אייער לאקשן. אזוי ווי ביי יעדע זאך פון די פסח מעניו.

סך הכל קומט אויס אז אויב קען ערב פסח זיין אזוי רואיג, פארוואס געדענק איך מיר אן אנדערע יאר זיין אזוי פאריאגט פון איין זאך צו די אנדערע? קומט מען צוריק צו די פריערדיגע שאלה:

וואס וויל טאקע דער אייבערשטער? ווי קען איך וויסן וואס דער אייבערשטער וויל?

די קומענדיגע יאר, געלויבט דער אייבערשטער, בין איך געווען פיל מיט ענערגיע און איך האב געמיינט אז איך האב עס ארויס! איך וועל זיצן רואיג און שמועסן מיט אייבערשטן און אזוי ארויסרוקן א פסח קלינינג און אזא פסח קאכן אזוי ווי לעצטע יאר, וואס איך האב געקוקט אין א הלכות קונטרס און געטון פונקטליך וואס די הלכה פארלאנגט. ביים קאכן וועל איך צושטעלן די הויפט וויכטיגע זאכן און שוין.

גאנץ שנעל האב איך איינגעזעהן מיין טעות אז דעי יאר וויל דער אייבערשטער עפעס אנדערש פון מיר. אויב בין איך נישט פארנומען מיט קראצן, שארן,

רייבן, און כשר'ן - ווער איך פארנומען מיט אנדערע זאכן, עס לוינט זיך ענדערש צו זיין פארנומען מיט דעם.

אזוי איז אויך געווען ביים קאכן איך האב איינגעזעהן אז דער אייבערשטער וויל די יום טוב זאל צוגיין מיט אביסל א ברייטקייט און געשמאק, דער אייבערשטער וויל אז יעצט זאל איך פרייליכערהייט לויפן פון איין טאפ צום צווייטן און אזוי אנהויבן שמועסן מיט אים.

למעשה בין איך געווען גאר גאר פרייליך צו קענען אריינאטעמען די פיינע גערוכן פון אלע יום טוב פלייש, קוגלען און נאך... אבער ווען די זמן האט זיך דערנענטערט האב איך זיך געיאגט ווי שנעל די רוח קען מיר נאר טראגן, שנעל, שנעל ביז'ן זמן. די לעצטע טעלער האב איך געענדיגט אפוואשן פופצן מינוט א מינוט זמן, ווען איך גיב אזא פרייליכע, אויסגעיאגטע טיפע אטעם, ווען א גרויסע הויפן נאסע טעפ און געשיר בלייבן רוהיג אויפן קאונטער זיך אליין צו טרוקענען.

נאכאמאל טרעף איך זיך לעגאל זיצן אויפן קאוטש, אבער דאס מאל האט מיר גענומען אפאר מינוט צו כאפן ווי איך בין דא אריינגעפאלן, שוין גאנץ א לאנגע צייט וואס איך האב זיך נישט באגעגנט מיט אט די קאוטש.

ווי נאר איך בארוהיג זיך אביסל גיבט מיין מח א פלי צוריק צו לעצטע יאר אזא צייט. יא איך דערמאן זיך אז אזא צייט איז אלעס שוין לאנג געווען ריין, און אוועגעפאקט, די סדר טיש שיין צוגעגרייט (נישט דורך מיר נאר דורך ניסים). איך האב טאקע געקאכט די מינימום, און יעדער איז געווען זאט

סיי דו שפירסט צובראכן אז דו קענסט טון וויניג, סיי די שפירסט אנגעשטרענגט וויל דו רוהסט נישט גענוג.
אונטער יעדע בילד איז דיין טאטע באהאלטן, ער קוקט צו דיר דורך די שפאלטן.
ביז דו קומסט צו לויפן צו אים מיט א קרעכץ "באשעפער איך ווייס שוין גארנישט יעצט!"

און צופרידן. וויאזוי שטעל איך צאם די בילד? וואס איז די ריכטיגע וועג?

איז נאכאמאל: "וואס וויל טאקע דער אייבערשטער פון מיר? ווי קען איך וויסן וואס דער אייבערשטער וויל?

די ענטפער איז איין ווארט פסח - פה סח - דיין מויל זאל נישט האבן קיין צוויי ברירות נאר זיך טרעפן אין א מצב אז ער מוז אנהייבן שמעוסן מיט זיין טאטע וואס האט אלעס אונטערגעשטעלט.

יעדע יאר און יעדע שטוב איז די מצב אנדערש, נישט אלעמאל קען מען וויסן וואס צו ערווארטן.

אזוי... צו אזוי... וואס פארשטייט א גוי?

סיי צו די ביסט ארייגעפארקט אין קאוטש, און סיי צו מ'טיילט פארקינג טיקעטס צו נישט (ליין: צו די קינדער לאזן צו נישט) סיי דו שפירסט צובראכן אז דו קענסט טון וויניג, סיי די שפירסט אנגעשטרענגט ווייל דו רוהסט נישט גענוג. אונטער יעדע בילד איז דיין טאטע באהאלטן, ער קוקט צו דיר דורך די שפאלטן. ביז דו קומסט צו לויפן צו אים מיט א קרעכץ "באשעפער איך ווייס שוין גארנישט יעצט!"

אה! קינד מיין, יעצט איז דיין נשמה געווארן ריין, דו ביסט שוין הייליג און לויטער, צום ליל סדר!

***

די מעשה האט פארציילט א חשובע פערזענליכקייט - איינע פון אנשי שלומינו.

איין עצה טובה בדוק ומנוסה וואס זי וויל איבערגעבן פאר די טייערע ליינער: ווען איר הייבט אן מאכן פסח'דיג געב גלייך איבער די טאג מיט דיין ליסטע צום אייבערשטן, ביי יעדע ספק זאלסטו פרעגן: "אייבערשטער זאל איך יעצט אנהייבן צו מאכן די בענקלעך? ווי שטארק זאל איך רייבן? זאל איך מאכן אלע אויף איין מאל? זאל איך בעטן הילף? און אזוי ווייטער, אזוי קומט איר צום אייבערשטן נאך פאר'ן באקומען רמזים אז דו זאלסט מוזן אויסדרייען דיין פנים צו אים.



# קלאסיפיידס

Deadline to advertise Sunday 12:00

**מזל טוב!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה עזרא בוים הי"ו**
**וזוגתו אסתר תחי'**
**צו די שידוך פון החתן נפתלי נ"י למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען
אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער
געזונטערהייט.

**מזל טוב!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה משה ארי' שניצלער הי"ו**
**וזוגתו סימא תחי'**
**צו די שידוך פון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען
אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער
געזונטערהייט.

**מזל טוב!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שלמה וויינבערגער הי"ו**
**וזוגתו רחל תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען
אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער
געזונטערהייט.




## נאך א בעבי נאך א בעבי

צו באקומען פיינע נארהאפטיגע פרישטאג פאר קימפעטאריןס

שטיינבערג (917) 387-7838

פינטער (347)-415-2888

## שריפת חלה

מיר פארברענען חלה אין אפסטעיט ניו יארק.
אייך פיקן מיר אויף.

רופט ווי פריער
347-585-9054

## Great News!

We now have
Daktrin Gel
and Cream.

929-210-1150

## Summer House

4 bedroom apartment available to rent for the upcoming summer

Call 917-501-5100



# בעעע....

אין בילד: אן עכטע ציגעלע ווערט געברענגט
אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית ברסלב
אין די פארגאנגענע יארן, זייענדיג מקיים
דעם 'והגדת לבנך' ווי ס'דארף צו זיין

# מעשה'לעך פאר קינדעלעך

## זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס

רֶבִּי נָתָן שְׁפַּאצִירְט זִיךְ אַזוֹי גֶעלַאסְן, עֶר גֵייט צוּם רֶבִּי'ן, עֶר וִויל הֶערְן פוּן רֶבִּי'ן אַבִּיסְל חִזּוּק; עֶר שְׁמֶעקְט אַ שְׁוֶוערֶע גֶערוּךְ, עֶס שְׁמֶעקְט פוּן פֵייעֶר, עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ 'פוּן וואוּ קוּמְט דֶער גֶערוּךְ?' עֶר הֵייבְּט אוֹיף דִי אוֹיגְן אוּן זֶעט אַ שְׁוַוארְצֶע רוֹיעֶךְ אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דִי פֶענְסְטֶער פוּן רֶבִּינְ'ס שְׁטוּבּ, עֶר הֵייבְּט אָן שְׁרַייעֶן: "פֵייעֶר! פֵייעֶר! אוֹי וַויי! עֶס בְּרֶענְט!! וואוּ אִיז דֶער רֶבִּי?!"

רֶבִּי נָתָן לוֹיפְט אַרַיין מִיט אֵיין אָטֶעם, עֶר זֶעט וִוי דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט רוֹיעֶךְ, דֶער גַבַּאי הָאט אַיינְגֶעדְרִימְלְט אוּן בְּטָעוּת הָאט עֶר גֶעלָאזְט אַ קוּגְל אוֹיפְ'ן פֵייעֶר אוּן עֶס הָאט זִיךְ פַארְבְּרֶענְט, דָאס אִיז דִי שְׁוַוארְצֶע רוֹיעֶךְ. רֶבִּי נָתָן נֶעמְט אַרוֹיס דִי פַארְבְּרֶענְטֶע קוּגְל אוּן טְרָאגְט עֶס אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן, עֶר עֶפְנְט אַלֶע פֶענְסְטֶערְס כְּדֵי דִי רוֹיעֶךְ זָאל אַרוֹיסְגֵיין אוּן גֵייט קוּקְן וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז, אֶפְשַׁר שְׁלָאפְט דֶער רֶבִּי.

עֶר קוּמְט אַרַיין אִין רֶבִּינְ'ס שְׁלָאף צִימֶער אוּן זֶעט וִוי דֶער רֶבִּי לִיגְט אִין בֶּעט מִיט אַ שְׁמֵייכְל; רֶבִּי נָתָן פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס גֵייט דָא פָאר, עֶר פְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן מִיט גְרוֹיס דֶּרֶךְ אֶרֶץ: "רֶבִּי, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, יֶעצְט וֶוען אִיךְ זֶע דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיף, דֶער רֶבִּי שְׁלָאפְט נִישְׁט, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ מִיט גֶעהַאלְטְן דִי מַעֲשֶׂה, פַארְוָואס הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן דֶעם גַבַּאי'ס נָאמֶען אִים אוֹיפְצוּאָוֶועקְן עֶר זָאל אַרָאפְּנֶעמֶען דִי קוּגְל פוּן פֵייעֶר? פַארְוָואס לִיגְט דֶער רֶבִּי אִין בֶּעט שְׁטִיל?"

דֶער רֶבִּי שְׁמֵייכְלְט אוּן זָאגְט: "וֶוען מֶען רוּפְט אֵיינֶעם אוּן יֶענֶער הֶערְט נִישְׁט, זָאגְט מֶען הֶעכֶער, אוּן וֶוען יֶענֶער הֶערְט נִישְׁט זָאגְט מֶען נָאךְ הֶעכֶער, בִּיז מֶען שְׁרַייט אוּן מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף יֶענֶעם; אִיךְ וִויל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אִיךְ וִויל נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן זַיין נָאמֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן קוּק וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה? מִיר לֶערְנֶען זִיךְ וִוי שְׁטַארְק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן צוּקוּמֶען צוּ כַּעַס; עֶר אִיז עֶנְדֶערְשׁ גֶעבְּלִיבְּן שְׁטִיל אוּן גֶעלַאסְן מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן דִי פַארְבְּרֶענְטֶע עֶסְן וִוי אֵיידֶער צוּקוּמֶען זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן.

לָאמִיר אַלֶע אִינְאֵיינֶעם בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַלֶע קִינְדֶער זָאגְן שֵׁיין: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אִיךְ זָאל עֶנְדֶערְשׁ פַארְקוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ וִויל גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן מִיט מִיר, דוּ הִיטְסְט מִיר".



דֶער גַבַּאי כַאפְּט אַ גֶעשְׁמַאקֶע דְרִימְל

# דעם רבי'נ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: די וועלט איז א שמאלע בריק, דער עיקר איז מ'זאל נישט מורא האבן

## ברסלב'ע חידות

**חז"ל זאגן: דאס לעבן פון א מענטש גייט אריבער ווי א שאטן פון א**

א. פייגל

ב. בוים

ג. זון גלעזער

ד. קיו-טיפ

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

רבי נתן פלעגט זאגן: "אפילו א בעל עבירה, אויב וועט ער זיך האלטן אין רבי'ן, וועט ער ביים סוף אלעס פאררעכטן!"

## געב א שמייכל

**פארוואס איז די בור אין מקוה אין וויליאמסבורג געווען האלב ליידיג?**

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**מה. מִי שֶׁמְּגַדֵּל חֲזִירִים, הוּא מְעַכֵּב אֶת הַגְּאֻלָּה.**

וֶוער עֶס הָאדֶעוֶועט חֲזֵירִים, הַאלְט אָפּ דִי גְאוּלָה.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)



בילד פון פארגאנגענע וואך: **נפתלי העסקעל - קרית ברסלב - כתה ג**

# משפחת גליק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

פיאָרִיגֶע מָאל הָאט מֶען פַארְצֵיילְט פוּן צִירִי, זִי אִיז אַרוֹיס קוֹיפְן נֵייעֶ יוֹם טוֹב'דִיגֶע קְלֵיידֶער, לְכָבוֹד פֶּסַח און אוֹיךְ לְכָבוֹד דִי חֲתוּנָה פוּן פֶעטֶער בָּרוּךְ, יֶעצְט לֵיינְט וַוייטֶער:

"מַאמִי, קוּק, אַלֶעס אִיז אַזוֹי שֵׁיין, נָאר דָא אוּנְטְן אִיז עֶס קוּרְץ, אֶפְשָׁר קֶען מֶען נֶעמֶען אַ גְרֶעסֶערֶע מָאס (סֵייז) אַז עֶס זָאל יָא זַיין גֶעשְׁמַאק לַאנְג און שֵׁיין?

"זֵייעֶר רִיכְטִיג צִירִי!" הָאט מַיין מַאמֶע גֶעזָאגְט, "אָבֶער וֵוייס וָואס אִיז מִיר יֶעצְט בֵּייגֶעפַאלְן?"

"וָואס?" הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט מִיט אִינְטֶערֶעס.

"דָא דֶערְנֶעבְּן אִיז דָא אַ גֶעשֶׁעפְט וָואס פַארְקוֹיפְט צוּגֶעהֶער צוּם נֵייעֶן. קְנֶעפְּלֶעךְ, פָאדֶעם, שְׁטִיקְלֶעךְ שְׁטָאף, בַּאפּוּצוּנְגֶען... אֶפְשָׁר קֶען מֶען דָארְט עֶפֶּעס טְרֶעפְן צוּ פַארְלֶענְגֶערְן דִי קְלֵייד?"

מִיר זֶענֶען אַהִינְגֶעגַאנְגֶען און... שְׂכַח אֵייבֶּערְשְׁטֶער! מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ הֶערְלִיכֶע שְׁטָאף, אַ וַוייסֶע מִיט אַזֶעלְכֶע בְּלוּמֶעלֶעךְ און קְלֵיינֶע וַוייסֶע פֶּערֶעלֶעךְ און מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף צוּ צוּלֵייגְן אַ קַאנְט בַּיי דִי בְּרֶעג פוּן דִי קְלֵייד און עֶרְגֶענְצְן דִי שֵׁיינְקֵייט!

אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעקוּמֶען מִיט אַ גוּטֶע גֶעפִיל, וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעפִילְט נָאכְ'ן גֵיין אַיינְקוֹיפְן, אַ שִׂמְחָה און שְׁטָאלְץ צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן וִוי אַ קֶענִיגְלִיכֶע טָאכְטֶער! אַ פְּרִינְצֶעסְן!

* * *

צִירִי פַארְצֵיילְט: עֶס קוּמְט שׁוֹין פֶּסַח, אַז גֶעשְׁמַאקֶע פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב!

אַלֶעס אִיז רֵיין, פְּרִישׁ, נֵיי, מֶען פַארְבְּרֶענְגְט מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק!

פַארְדֶעם אִיז עֶרֶב פֶּסַח אוֹיךְ אַ גֶעשְׁמַאקֶע צַייט, מֶען רֵיינִיגְט, מֶען וַואשְׁט, סְ'גִיסְט און סְ'פְלִיסְט, מֶען קוֹיפְט אַיין און מֶען גְרֵייט צוּ אַלֶעס לְכָבוֹד דִי גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח.

אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ פוּן פָארִיגֶע יָאר עֶרֶב פֶּסַח, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶעמָאלְטְס גֶעלֶערְנְט עֶטְלִיכֶע לֶערְנוּנְגֶען, וָואס אִיךְ הָאף אַז דָאס יָאר וֶועל אִיךְ עֶס גֶעדֶענְקֶען. אִיז לָאמִיר אַייךְ נִישְׁט נֵייגֶערִיג מַאכְן, נָאר אַייךְ דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ גֶעדֶענְק פוּן עֶרֶב פֶּסַח:

"צִירִי, מֶען דַארְף רֵיינִיגְן דִי בֶּענְקְלֶעךְ פוּן פָּארְטְשׁ!"

"אָךְ! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד! עֶס הָאט אַזֶעלְכֶע קְלֵיינֶע שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס מֶען דַארְף אָפְּוִוישְׁן יֶעדֶע אֵיינֶע און עֶס נֶעמְט אַזוֹיפִיל צַייט, אוֹיךְ אִיז עֶס שְׁמוּצִיג פוּן פֵייגֶעלֶעךְ, אִיךְ וִויל עֶס נִישְׁט מַאכְן!"

יֶעצְט שֶׁעם אִיךְ מִיךְ צוּ פַארְצֵיילְן וִויאַזוֹי אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ מַיין מַאמֶע, אָבֶער דֶעמָאלְטְס הָאבּ אִיךְ פַארְגֶעסְן, אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ מַאמֶע. אִיךְ הָאבּ מִיךְ אַיינְגֶע'עַקְשָׁנְ'ט: "אִיךְ מַאךְ נִישְׁט דִי בֶּענְקְלֶעךְ!!!"

זֶעט אוֹיס אַז מַיין מַאמֶע הָאט גֶעזֶען אַז זִי רֶעדְט וִוי צוּ אַ וַואנְט, הָאט זִי גֶעזָאגְט: "אַזַא שָׁאד צִירִי אַז דוּ דֶערְלֵייגְסְט אַזַא רִיזִיגֶע מִצְוָה, סֵיי פוּן הֶעלְפְן אַ מַאמֶע און סֵיי פוּן רֵיינִיגְן דִי חָמֵץ!"

'אִיךְ קֶען הֶעלְפְן אַ מַאמֶע' - הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט - 'וֶוער זָאגְט אַז אִיךְ מוּז מַאכְן פוּנְקְט דִי בֶּענְקְלֶעךְ, הַיינְט אִיז דָאנֶערְשְׁטָאג, מֶען דַארְף קָאכְן פַאר שַׁבָּת, קֶען אִיךְ שֵׁיילְן קַארְטָאפְל (פָּאטֶעיטָא'ס) פַאר דִי קוּגְל'.

"מַאמִי, וִויפִיל קַארְטָאפְל דַארְף מֶען שֵׁיילְן?" הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט, שְׁפִּירְנְדִיג זִיךְ מַמָּשׁ וִוי אַ צַדֶיקֶת וָואס הֶעלְפְט אוֹיף שַׁבָּת נָאךְ פַאר דִי מַאמֶע בֶּעט.

"אָהְמְמְמְ... 30 קַארְטָאפְל בְּעֶרֶךְ!"

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעטוּן אַ שִׁירְצְל, גֶעשְׁלֶעפְּט דִי קַארְטָאפְל און זִיךְ

ל. סאקס

גֶענוּמֶען פְלַייסִיג שַׁיילְן אֵיינְס נָאכְן צְוֵוייטְן.

בִּיז אַ פֶערְטְל שָׁעָה הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט: אִיךְ וִויל נִישְׁט רֵיינִיגְן דִי בֶּעֶנְקְלֶעךְ, אִיז וָואס קֶען אִיךְ יֶעצְט טוּן?

'אָהָ, אִיךְ קֶען צוּרַייבְּן דִי קַארְטָאפְל!

אִיךְ הָאבּ אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט דִי פּוּד פְּרַאסֶעסָאר פוּן שֶׁענְקְל, עֶס אַיינְגֶעפְּלָאגְט אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען אַרַיינְצוּוַוארְפְן דִי קַארְטָאפְל.

'וַואוּ, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ אַ טִיכְטִיגֶע בַּאלֶעבָּאסְטֶע!' הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֶעלְבְּסְט קָאמְפְּלִימֶענְטִירְט אוּן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעזוּנְגֶען: נָאךְ אַ קַארְטָאפְל, נָאךְ אַ קַארְטָאפְל, נָאךְ אַ קַארְטָאפְל, נָאךְ אַ קַארְטָאפְל אוֹי וִוי גוּט אַ פֵיינֶע קוּגֶעלֶע...

אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעשְׁטוּפְּט דִי לֶעצְטֶע קַארְטָאפְל, וֶוען מֶען מַאמֶע אִיז מִיטְאַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין קָאךְ.

"מַאמִי, קוּק, אִיךְ הָאבּ גֶעשַׁיילְט אוּן צוּרִיבְּן אַלֵיין דִי קַארְטָאפְל!"

"אוֹי וֵויי! הָאסְט צוּרִיבְּן דִי גַאנְצֶע קַארְטָאפְל, אַ טֵייל דַארְף גֵיין פַאר דִי טְשׁוּלֶענְט. וָואס וֶועט מֶען יֶעצְט טוּן מִיט אַזוֹיפִיל צוּרִיבֶּענֶע קַארְטָאפְל? אוּן אוֹיךְ הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע קַארְטָאפְל, אוּן סְ'נִישְׁטָא גֶענוּג צוּ שַׁיילְן נָאךְ פַאר דִי טְשׁוּלֶענְט!"

אי"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן וַוייטֶער.



# געמאלן

א מעשה פון תפלה

קינְדֶער מֶען
גֵייט יֶעצְט
פַארְהֶערְן



אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף
אִיךְ זָאל קֶענֶען דִי
טֶעסְט, און אִיךְ זָאל
גֶעוואוּנֶען.



שְׁכּ֫חַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
אִיךְ הָאבּ
גֶעוואוּנֶען!



געמאלן דורך:
חני פעלבערבוים תחי'
קרית ברסלב

אוּנְזֶער פָּאפָּאטְשׁ
אִיז שׁוֹין אַלְט
אוּן אָפְּגֶערִיבְּן,
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף מִיר זָאל
הָאבְּן נַייע.



מַיין טַאטֶע אוּן
מַאמֶע זֶענֶען
גֶעפָארְן אוֹיף
אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל



שְׁכּ֫חַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
זַיי הָאבְּן
אַהֵיימְגֶעבְּרֶענְגְט
פַאר אוּנְז נַייע
פָּאפָּאטְשׁ



געמאלן דורך:
רבקה וועבערמאן תחי'
בית פיגא קרית ברסלב

שיקט אריין אייער מאלערי'ס צו:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

MOST INSURANCES ACCEPTED

CARE FOR AGES 1-65



# RASH PHOTO REVIEWED, PRESCRIPTION SENT!

OUR PROVIDERS ARE STANDING BY, READY TO OFFER REAL ANSWERS, QUICK DIAGNOSES, AND PRESCRIPTIONS FOR COMMON MEDICATIONS—ALL THROUGH A SIMPLE PHONE CALL. WHENEVER YOU NEED US, WE'RE HERE.

SCHEDULE YOUR SAME DAY APPOINTMENT

718.208.2030

Telehealth
Medease
WHEN A CALL IS ENOUGH

nussi pinexteam

# גטענדיגט מיטן רופן דעם דיין פאר א היתר חול המועד

ס'קומט יו"ט
האנדלט אייך
איין ווי א איד!



מארגן קענט איר שוין אנהייבן וואשן



GE SAMSUNG HOTPOINT For the long run. MAYTAG KitchenAid
Whirlpool HOME APPLIANCES Element wind·water·fire·earth FRIGIDAIRE Electrolux LG

D&S APPLIANCES

718-938-8605 | Sales@dshomeappliances.com | dshomeappliances.com

*sruliHeskel

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





וועכינטליכע דאנערשטאג נאכט שיעור צוזאמען מיט יארצייט סעודה פון רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע אין ישיבה



די בחורים אין ירושלים גרייטן אן עסן פאר די ת"ת און בית פיגא אויף ביז פסח



שיעור אין שיחות הר"ן נאכן דאווענען דורכן מלמד מומחה מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו פאר די חשובע קינדער




די קינדער ליינען קריאת שמע ביי בן מו"ה שמחה סאלז הי"ו




סעודת ברית פון בן מו"ה שמחה סאלז הי"ו - דער מוהל און סנדק הרב משה עסטרייכער שליט"א הדב"ן
מוהרא"ש זי"ע ביים רעדן אפאר ווערטער




ברית ביי בן מו"ה יעקב לעסער הי"ו בן הרה"צ ר' יצחק לעסער שליט"א איידים פון
מו"ה מרדכי יונה שיק שליט"א





די קינדער פון ירושלים ביי א מצה בעקעריי



שיעור הכנה לפסח פון דיין שליט"א



ווייטערדיגע פארשריט ביי די נייע ביהמ"ד אין שטעטל





דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס ביי פרישטאג אין ישיבה



היסטאריע!
כאפט אייך
נאכאמאל אריין
צו מוהרא"ש
אין צימער
לעצטע געלעגנהייט
לעצטע געלעגנהייט
ספר
אשר בנחל
אידיש
מהדורת מארקאוויטש
חלק ג
זכות
אשר בנחל
$500
פארבינדט אייך
היינט מיטן גבאי
מו"ה לייבי ראטה הי"ו
347-578-4449
קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם